STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06222

OYFN HIML A YARID

Isaac Wolf Biderman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויפן הימל אַ יאַריד

(אַ פאַנטאַסטישע קאָמעדיע אין פופצן סצענעס
מיט אַ פראָלאָג און עפּילאָג, מיט געזאַנג און טענץ)

פון

איטשע וו. בידערמאַן

THE
KLAU
LIBRARY
CINCINNATI
HUC-JIR

Copyright 1929
by
I. W. Biderman

I. W. Biderman — Avn Himmel'a Jarid
Wyd. „Bibl. Jaczkowskiego", Warszawa
Twarda 8.

Printed in Poland.

Druk. „Br. Lewin-Epstein i S-ka", Warszawa, Pawia 38.

ש י י נ ד ל צ י ן,

מיין ל י ב ע ר פ ר ו י

געווידמעט איך דאס ווערק

אָנטיילנעמער:

דיכטער
גערעכטיקייט
פאַרפאַסער *)
טייוול
רוחות
שדים
אַ זינגער
אַ טענצערין
מלאכים
פרומע מענטשן אין גן-עדן
אַ מאָנאָטאָן קול
מאַרקיזיצער
געטער
אַ לץ
אַן עולם
רעוואָליוציע
דער מאַן מיט דער לאַנגער נאָז
צייט — איצטיקע
אָרט — אויף דער ערד און אויפן הימל

„אויפן הימל אַ יאַריד" מוז אויפגעפירט ווערן שרייענדיק מיט רעשיקע פאַרבן.

*) דער פאַרפאַסער איז אַ צוגעלאָזן־איבערגעגעבענער דערקלערער.

פראָלאָג

בײַם דיכטער אין צימער. ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, איז פינסטערלעך. אַ טונקל־רויטער אָפּשײַן קומט פון לאָמפּ וואָס אויפן שרייב־טיש. אויף אַ סאָפע דערלעבן ליגט דער דיכטער, ער רויכערט אַ ציגאַר און לאָזט אַרויס וואָלקנס. רויך. פון ווייטנס הערט זיך אַ פאַרשטיקט געוויש: פיאַנע־אַקאָרדן אויסגעמישט מיט געוויין און געלעכטער, געדאַנקען שוועבן אַרום אין צימער, זעען אויס ווי מלאכים, פון די פליגלען אַרונטער זענען זיי אײַנגעוויקלט אין קאָלירטע בענ־דער. דער הינטערגרונט פון דער סצענע איז פינצטער, די „געדאַנקען" זינגען און טאַנצן

געדאַנקען

מיר זענען געדאַנקען
פון ליבע, פון האַס.
מיר זענען געדאַנקען
פון טרויער, פון שפּאַס.

— הי הו, הי הו!
מיר זענען געדאַנקען
פון צרות, פון לייד,
מיר זענען געדאַנקען
פון גליק און פון פרייד.

— הי הו, הי הו!

שטרעקן אויס די קעפּ צום דיכטער

נעם מיך! נעם מיך! נעם מיך!

לאַכן

כאַ—כאַ,—כאַ—כאַ!

פלאַטערן ארום אין דער האַלב פינסטערניש

דיכטער

שטעלט זיך אויף

ווער זענט איר?

געדאַנקען

מיר זענען געדאַנקען!
ריינע געדאַנקען!

איין געדאַנק

מיר טון זיך צו דיר אַנטפּלעקן.

צווייטער

נעם אונז, צעוויקל אונז!

דריטער

אַנטפּלעק אונזער שיינקייט פאַר דער וועלט.

פערטער

מיר זענען דיינע קינדער,
מיר זענען געבוירן, ווילן מיר בלייבן לעבן.

דיכטער

פאַרטראַכט זיך

געדאַנקען

נעמען זיך אַרום אין אַ ראָד און טאַנצן

מיר זענען געדאַנקען
פון ליבע, פון האַס.
מיר זענען געדאַנקען
פון טרויער פון שפּאַס.
— הי הו, הי הו!
מיר זענען געדאַנקען
פון צרות, פון לייד,
מיר זענען געדאַנקען

פון גליק און פון פרייד
— הי הו, הי הו!

שטרעקן אויס די קעפּ צום דיכטער, לאַכן

כאַ—כאַ—כאַ—כאַ!

דיכטער

כאַפּט אָן אַ „געדאַנק"

דיך וועל איך נעמען, דו שיינער געדאַנק.

ער פירט דעם „געדאַנק" צו צום שרייב־טיש, שטעלט אים לעבן זיך, נעמט אַ פעדער און פּאַפּיר אין האַנט און פאַרטראַכט זיך אויפן געדאַנק.

געדאַנקען

צעוויקל אים דיכטער, צעוויקל אונזער ברודער־געדאַנק און ווייז פאַר דער וועלט זיין שיינקייט.

די געדאַנקען צעלאַכן זיך און טאַנצן אַפּ ליבלעך, זינגענדיק „מיר זענען געדאַנקען". אַ קורצע פּויזע.

דיכטער

נעמט דעם אָנהייב פון דער שנור, מיט וועלכער דער „געדאַנק" איז פאַרוויקלט און ציט אים, דער „געדאַנק" הייבט זיך אָן דרייען און אויפוויקלען.

ווי אַזוי רופט מען דיך, וואָס פאַר אַ נאָמען גיט מען דיר, מיין ליבער געדאַנק?

אַ געדאַנק

שטעקט אריין זיין קאָפּ אין פינסטערניש

רוף אים: אויפן הימל אַ יאַריד!

דיכטער

שמייכלט

פיין.

שרייבט און זאָגט נאָך

אויפן הימל אַ יאַריד...

דער לאָמפּ ווערט טונקעלער. אַלץ אין צימער ווערט איינגעוויקלט אין אַ נעפּל, ביסלעכווייז נעמט דער נעפּל אַריין אין זיך דאָס גאַנצע צימער, ס'ווערט פינסטער. פּויזע. דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער.

ס'ווערט ליכטיק אין טעאַטער און עס קומט אַרויס דער פאַרפאַסער.
ער איז אָנגעטון ווי אַ פּאַיאַץ, מאַכט אָן אַ געדרודער מיט זיין אָנקומען,
מאַכט קאָזשעליקעס און קלינגט מיט גלעקעלעך.

ערשטע סצענע

פאַרפאַסער

מענער און דאַמען,
בילדער און ראַמען,
איך שטעל זיך פאר אייך פאָר.
ער פאַרנייגט זיך

איך בין אַ שרייבער,
אַ קינצלער אַ רייבער,
אַ מאַריאָנעט נישט קיין שלעכטער.
איך בין אַ בדחן
אַ גראַמענפלעכטער.
איך שטעל זיך נישט פאָר —
פאַר אַ פירער,
איך בין בלויז אַן... אַמוזירער.
אין אונזער טרויעריק לעבן איצט
דאַרף מען אַ לאַך...
דאַרף מען אַ וויץ...
דאַרום: —
אין בלעטער אַזוי פיל,
האָב איך באַשריבן
פאַר אייך די שפיל.
כ'וועל אייך שטענדיק אַלץ דערקלערן,
איר זאָלט חלילה נישט פאַרהערן,
דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ שפּאַס, —
ס'קאָסט בלויז מיך יעדעס אות!
קורצע פויזע
הם... עה...

עס וועט אַ ביסל לענגער דויערן,
דערפאַר וועט גאָרנישט גיין פאַרלוירן.
יעדעס וואָרט, יעדער וויץ
האָט אַ ווערט, האָט אַ נוץ.

היסט זיך אויס

ווען דער פאָרהאַנג וועט זיך הויבן,
וועט איר זען אַ „גוט אָרט",
שטרענגט אייך אָן מיט מויל און אויערן,
הערט זיך צו צו יעדן וואָרט.

מען קלינגט, פּראָפעסאָר הויבט זיך אָן פאַרנעמען

נו, האַלט אייך רויק, האַלט אייך גרייט,
מען הויבט היינט אָן פּונקט אַכט, — אין צייט.

ער לייגט אַריין אַ פינגער אין מויל און גיט אַ פייף

העי, דו דאָרט, בחור!
מאַך איצט גרוילעך, —
ס'גייט זיך הייבן שוין —
דאָס לייִלעך...

פאָרהאַנג הייבט זיך, דער פּראָפעסאָר אַנטלויפט

צווייטע סצענע

די סצענע שטעלט פאָר אַ „גוט אָרט". ס'איז פינסטערלעך. בלויז די לינקע זייט פון דער בינע איז באַלויכטן. ס'איז שטיל. אַ ווינטל בלאָזט און טראָגט זיך אום ווי אַ ווייט געזאַנג. עס הערט זיך אַ שטיל רופן:

גע—רעכ—טי—קיי—ט!
גערעכטיקייט! גערעכטיקייט, ווו ביסט דו?...

דאָס רופן הערט אויף. דאָס ליכט פון דער לינקער זייט סצענע ווערט פּלוצלינג איבערגעטראָגן אויף דער רעכטער זייט, אַזוי, אַז דער פּלאַץ ווערט באַלויכטן מיט [illegible].

דריטע סצענע

די זעלבע סצענע, נאָר אַן אַנדערער פּלאַץ אויפֿן בית־עולם. עס זעט זיך, ווי אויף ביימער זיצן אויסגעזעצט רוחות און שדים. טייוול זיצט אויף אַ קבר, וואו אויף דער מצבה שטייט אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות, אַז דער טויטער איז געווען אַ גרויסער גביר, אַ גוט האַר־ציקער מענטש און אַ פרומער ייד.

ט י י וו ל

עס הייבט זיך שוין אָן
דער שפּיל פאַרן טייוול.

העכער

נעמט צו די ליכט!
איך קאָן שוין נישט מער!
זאָל דאָ ווערן פינסטער,
זאָל דאָרט ווערן ליכטיק,
ס'האָט מער קיין זינען —

שטאַרקער

זאָל ער זי געפינען.

דאָס ליכט ווערט איבערגעטראָגן צום הינטערגרונט פון דער סצענע, וואו עס זעט זיך אַ באַרג.

פערטע סצענע

דער דיכטער קומט אָן, זוכט און רופט

ד י כ ט ע ר

גערעכטיקייט, גערעכטיקייט, וואו ביסטו? גערעכט — —

ג ע ר ע כ ט י ק י י ט

געקומען, געקומען מיין דערלייזער. אָט דאָ, דיכטער, אָט בין איך.

ד י כ ט ע ר

דערזעט זי, לויפט צו

ענדלעך דיך דאָך געפונען, — געליבטע מיינע! ער זעט, זי איז געבונדן וואָס, געבונדן גאָר? ווער?

גערעכטיקייט

די אויגן אין די הענט שוין לאַנג. די לעצטע צייטן האָבן מיך די מענטשן אײַנגעאַנצן געוואָלט אומברענגען, נישט זייענדיק בכוח דאָס צו טון, האָבן זיי מיר די פֿיס געבונדן און אין דער וויסטע פֿאַרוואָרפֿן.

דיכטער

איך וועל דיר די פֿיס אויפֿבינדן.

טוט דאָס.

גערעכטיקייט

און די הענט? און די אויגן? דיכטער, פֿרײַנט מײַנער —

דיכטער

נאָך נישט איצט... איך וואָלט דיר דײַנע הענט אויפֿגעבונדן. האָב איך מורא, די וועסט זיך דײַנע אויגן אויפֿבינדן, קאָנסט נאָך בלינד ווערן.

גערעכטיקייט

אַזוי שרעקלעך זעט אויס די וועלט?

דיכטער

נאָך שרעקלעכער.

ער נעמט די שטריק פֿון אירע פֿיס און וואַרפֿט זיי אין טאָל — פּויזע, עס הערט זיך פֿון ווײַטן אַ שטילע מעלאָדיע, וואָס ווערט איבערגעריסן אין מיטן זינגען.

גערעכטיקייט

ווי זיס...

דיכטער

פֿול מיט ליבע און פּאָעזיע, האָסט זיך צוגעהערט צו די לעצטע שטיל ווערנדע טענער?

גערעכטיקייט

יאָ.

דיכטער

אין מיטן די זיסטע טענער שטיל געוואָרן.

גערעכטיקייט

פּונקט ווי מײַן לעבן. אין מיטן פֿון די זיסטע האָפֿנונגען...

דיכטער

גלעט אירע האָר

לאָמיר פאַרגעסן דאָס פאַרגאַנגענע, צו וואָס בלאָזן אויף שטאַרבנ-דיקע גלאָוועניעס פון אַן אַמאָליקן פייער? וועסט זיי אפשר אויפלעבן אויף אַ מאָמענט און טויטן אין גרויע אַשן.

פויזע.

געדעכטעקייט

זאָג מיר, דיכטער, וואָס איז איצט, טאָג צי נאַכט?

דיכטער

נאַכט.

געדעכטעקייט

איך פיל עס. מיר דאַכט זיך, אַז אַ שווערער וואָלקן, ווי פון בליי, הענגט איבער אונזערע קעפ און פילט אָן אונזער ערד מיט אַ געדיכט פינסטערן נעפּל.

דיכטער

ריכטיק. מיט אַ געדיכטן נעפּל. און די מענטשן? די מענטשן, מיט פאַרבינדענע אויגן טראָגן זיי ליכט אין די הענט און טאַפּן אין דער פינסטער...

געדעכטעקייט

מיט פאַרבינדענע אויגן טראָגן זיי ליכט אין די הענט און טאַפּן אין דער פינסטער? וואַנזין.

דיכטער

וואַנזין איז היינט געוועלטיקער.

פויזע. עס הערט זיך דער טאַקט פון מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן.

געדעכטעקייט

וואָס איז דאָס, דיכטער?

דיכטער

דאָס לאָזן זיך נייע אַרמייען פון די געזונטסטע מענער אויפן שונא.

געדעכטעקייט

אויפן שונא? פאַרטראַכט זיך. אויף וואָס פאַר אַ שונא?

דיכטער

זייערע ברידער.

גערעכטיקייט

איך פאַרשטיי דאָס נישט.

דיכטער

איך אויך נישט.

גערעכטיקייט

זאָג מיר, טייערער, דו זעסט דאָך, ווייזט זיך שוין שטראַלן פון קומענדיקן טאָג ?

דיכטער

די ווינטער-נעכט זענען לאַנגע און עס איז ערשט נאַכט געוואָרן.

גערעכטיקייט

ווייסן די מענטשן וואָס נאַכט הייסט ?

דיכטער

ניין, זיי ווייסן נישט, זיי ווייסן גאָרנישט.

גערעכטיקייט

מענטשן, וואָס ווייסן נישט, זענען ווי טויטע. לאָמיר גיין אין טאָל, לאָמיר זיי וועקן.

דיכטער

אומזיסט וועט זיין די מינדסטע באַוועגונג אונזערע. זיי האָבן זיך אין קברים באַגראָבן. זיי וועלן אונז מיט שטיינער באַוואַרפן. זיי וועלן אונז צום שאַנד-קלאָץ בינדן און אונזערע לייבער שמייסן.

גערעכטיקייט

זאָל דאָס נישט זיין די צוים אונז צוריקצוהאַלטן. שמיץ — ווי אַ בוך לערנט אונז.

דיכטער

און ווי אַ בוך אַמאָל פאַרקריפּלען זיי. איך קום ערשט פון דאָרט:
עס האָבן זיך מענטשן פון מענטשן אָפּגעזונדערט,
יעדער אויף זיין אָרט.
היט זיך זיין אָרט,
איך קום דאָך ערשט פון דאָרט.

געריכטיקייט

לאָמיר רעדן,
לאָמיר דערקלערן,
זאָלן פיל דערוואַכן,
וועלן אונז אייניקע הערן.
וועלן מיר דערקלערן איינעם,
וועט ער דערקלערן צען.
וועט איינער וועקן צען,
וועלן צען וועקן הונדערט!

דיכטער

דו ביסט
די גערעכטסטע פון אַלע אידעאַלן.
ווער עס איז גליקלעך צו באַגעגענען
דיין בליק
און נישט האָבן דערביי שלעכטע
געדאַנקען,
מעג זיין ווי גליקלעך און ליב אים
זיין לעבן,
וועט ער עס פאַר דיר איינשטעלן,
וועט ער עס פאַר דיר אָפּגעבן.
קום, איך וועל דיך פירן,
קום!
מיר וועלן ווייזן אונזער סחורה צו
די בלינדע.
רעדן
צו די טויבע.
וועל איך קלאַפּן אין די פאַרמאַכטע
קברים...
וועל איך זייער שלאָף צעשטערן,
אויב דו גלויבסט, אַז ס׳וועט אונז
ווער הערן.

ער נעמט זי פאַר דער האַנט און ביידע לאָזן זיך אַרונטער אין טאָל

דיכטער

וועקט

העי, טויטע, שטייט אויף פון אייערע קברים...

דאָס קול דערוויטערט זיך, מען זעט, וויביידע גייען אָפּ.

פינפטע סצענע

דאָס ליכט טראָגט זיך צוריק איבער צו די קברים לינקס. אַן אַלטער־מאַן שטעלט זיך ביז דער העלפט אויף אין קבר.

אַלטיטשקער

ציט זיך

הו־הו — ווי דאָס איז קאַלט,
הו־הו — — —
אַז מ׳איז אַלט —
און מען כאַפּט אַ קוק פון קבר,
הייבט אָן ציטערן יעדער אבר.
הו־הו, ווי דאָ איז קאַלט!...

אַ קאָפּ קוקט אַרויס פון אַ קבר.

קאָפּ

עס האָט דאָ עמעצער געוועקט, האַ? וואָס?
הם — נו, נע—עעע—האַ—אַ—אַ—אַ—אַ—אַ!

גענעצט

איך דענק, עמעץ האָט דאָ —
רעכט...
יעדער שאַרף־מעסער
שניידט,
יעדער שווערער אויבערשט —
ברעכט!...

פאַרשווינדט צוריק אין קבר

אַלטיטשקער

אַ קאָפּ און גייט צוריק אין דער ערד.
פע, ס׳פּאַסט פאַר אַ קאָפּ פון אַ פערד...
ביין מיט ביין

וועלן היינט אויפשטיין.
איך בין דאָך נישט געבוירן נעכטן,
און אויך נישט אייערנעכטן,
איך געדענק שוין נישט, ווען עמעץ
זאָל האָבן אַזוי שטאַרק געוועקט,
ווי די אָט איצט.
אַ פּנים, עס איז שוין משיחס צייטן,
אפשר וועט זיך אונזער לעבן שוין אָנהייבן
בייטן ?...

דאָס ליכט טראָגט זיך צוריק איבער אין באַלייכט דאָס הינקל אין
טייוול.

זעקסטע סצענע

טייוול

צדיק און רשע,
אומריין און ריין —
אַלע וועלן היינט אויפשטיין.

רוחות און שדים

וואָס איז עס פּאַר אַ פּירונג,
וואָס איז ? דערקלער דיין מיין ?
ווילסט, אַז מיר אַלע
זאָלן איצט אונטערגיין ?

טייוול

איך בין שוין מיד און אויסגעמאַטערט,
איך וויל רו !
כ׳וועל זיי נעמען אַרויף אין הימל,
כ׳וועל זיי וויזן דעם גאַנצן שימל,
אין וועלכן זיי האָבן געגלויבט !
זאָל שוין נעמען צו אַלץ אַן עק,
איך וויל אַוועק !
איך וויל אַוועק !

איך וויל רו...

רוחות און שדים ציען זיך צעשראָקן צוריק.

רוחות און שדים

און... —

טייוול

און נישט גאָט, און נישט איך,
נישט קיין צדיק, נישט קיין רוח...
זאָל יעדער לעבן, ווי אים געפעלט —
יעדער מענטש איז אַ וועלט!

אַ רוח

נאָך אַזוי פיל יאָרן טריי דיר דינען,
נאָך אַזאַ קעניגרייך, וואָס מיר האָבן דערוואָרבן, —
וועלן מיר נישט לאָזן אַלץ פאַרדאַרבן,
מיר ווילן נישט שטאַרבן!

צווייטער רוח

אין נאָמען פון די שדים און רוחות
פון דער וועלטס עקן פיר,
רעד איך איצט צו דיר: —
מיר וועלן גיין אין דיין שליחות,
מיר וועלן אויספירן דיינע באַפעלן,
נאָר אונטערגיין ווילן מיר נישט!
דו ווייסט דאָך און זאָלסט עס וויסן:
די וועלט — איז אונזער בעסטער ביסן,
און מיר ווילן זיך מיט דעם נישט שיידן.

טייוול

איך בין אָבער מיד און אויסגעמאַטערט,
איך וויל רו...

צווייטער רוח

ווי איינס איז איינס,
ווי צוויי איז צוויי,
ווי פיר מיט פיר איז אַכט,

אַזוי וועט אונזער קעניגרייך,
שוין שטענדיק בלייבן: מאַכט!

טייוול

איך וויל אָבער רו...

דער פּאַרפּאַסער קומט אַרויס פון אַ זייט, גיט אַ פייף און אַ געשריי.

פּאַרפּאַסער

העי דו דאָרט, גיב אויף מיר ליכט!

דאָס ליכט ווערט אָפּגעצויגן פון טייוולס סצענע אויפן פּאַרפּאַסער.

זיבעטע סצענע

פּאַרפּאַסער

נו, ווי זאָגט איר איצט צו דעם, האַ?
איר פאַרשטייט די שאַרפקייט פון דעם בילד?
וואָס זאָגט איר דערצו?
דער טייוול וויל רו,
ער וויל אַלץ אויפגעבן,
אָנהייבן אַ ניי לעבן,
ס'וואָלט אַלץ געוואָרן
גוט און פיין —
די מענטשן: איידל,
די וועלט: שיין!
נו, לאָזן נישט די שדים און די רוחות!...
אַזוי איז עס שוין אויף דער וועלט,
אַפילו ווען דער גרויסער טייוול וואָלט
שוין געוואָלט אַמאָל בעסער ווערן,
ווילן די פילע קליינע טייוואָלים
דערפון נישט הערן —
און צעשטערן...

עס דערהערט זיך נענטער דאָס קול פון די, וואָס ווייקן.

קול

שטייט אויף, טויטע!

פּאַרפאַסער

העי דו,
בחור דאָרט!
גיט אַ פייף מיט די פינגער

ברענג צוריק ליכט
אויפן פריערדיקן אָרט!
די שפּיל דאַרף ווייטער אָנגיין!...
פּאַרפאַסער פאַרשווינדט, דאָס ליכט באַלייכט צוריק דעם טײַוולס סצענע.

אַכטע סצענע

אַ רוח גליטשט זיך שנעל אַרונטער פון אַ בוים.

רוח

זיי קומען!
עס דערהערט זיך ווייטער דאָס קול פון די, וואָס וועקן.

דאָס קול

שטייט אויף פון די קברים
צו אייערע מסחרים...
ווער פאַרן לויתן — —
ווער פאַרן שור הבור... — — — —
עס מאַכט נישט אויס,
קליין צי גרויס,
שמש צי גבאי,
יעדער דאַרף צוגרייטן זיך —
צו עולם-הבא!...
אַ שד גליטשט זיך שנעל אַרונטער פון אַ בוים.

שד

זיי זענען שוין נישט ווייט!

טײַוול

יעדער ווײַט, צו וועלכן דו דערנענטערסט זיך,
ווערט אַ נאָענט...
איך האָב געוווסט — זיי וועלן קומען, זיי מוזן קומען,

זיי זענען דאָך געקומען.

ש ד

וואָס דאַרף איך טון ?

טייוול

רעדט ווי פאַר זיך

מענטשן...
מענטשן גלויבן פיל אין קליידער,
אַרבעטן צוליב דעם — כסדר, —
טאָג און נאַכט,
טאָג און נאַכט,
כסדר —
מענטשן...
מענטשן גלויבן פיל אין קליידער!

ש ד

אָבער...

טייוול

די קליידער פון די, וואָס וועקן
זייערע גאַרטלען, זייערע שלעפן
מוזן מיר פאַרכאַפן!
דער מענטש האָט גרויסע אויגן —
דאַן,
ווען ער גלויבט נישט,
גלויבט ער, איז ער בלינד!
טוען מיר אָן די פרומע קליידער,
ציען מיר אַרויף זייערע מאַסקעס,
מאַכן מיר אַ פרומען — טומל,
גייען די טויטע מיט אונז אין הימל.

דאָס קול

הערט זיך נאָענט

... אַז גאָט וועט הערן אייערע טענות,
וועט ער געבן אייך גערעכט!
וועלן אַלע היינטיקע האַרן,

מאָרגן ווערן — קנעכט...
שטייט אויף פון די קברים
צו אייערע מסחרים...
ווער פאַרן לויתן — —
ווער פאַרן שור הבור... — —

טייוול

זיי קומען...
קומען אַלץ נענטער צו מיין ציל!

גערעכטיקייט

וואָס ביסטו שטיין געבליבן, דיכטער?

דיכטער

איך זע אַ פייער אויפן הימל
און אַ פייער אויף דער ערד,
אויבן: ס׳פייער, וואָס הויבט אָן בויען,
אונטן: ס׳פייער, וואָס צעשטערט!...

גערעכטיקייט

לאָמיר גיין אין פייער, וואָס צעשטערט —
לאָמיר ראַטעווען דאָס — וואָס האָט אַ ווערט!

דיכטער און גערעכטיקייט, קומען צו גאַנץ נאָענט. די שדים און רוחות באַפאַלן זיי, פאַרבינדן זייערע מיילער, מען טוט זיי אויס נאַקעט. דער טייוול טוט זיך אָן די קליידער פון גערעכטיקייט.

טייוול

געוואָרט שוין יאָרן טויזנטער
אויף דער איינציקער מינוט!
געוונען!!!...
געזיגט!!!...
די צייט גייט קיינמאָל נישט —
צוריק.
אַפילו אויף איין מינוט...
אַ וועלט!...
אַ וועלט אַ גאַנצע, קאָן אונטערגיין,
אין אַן אויגנבליק.

שטילער

ווי אויסגעגאָסן עס ליגן די קליידער פון גערעכטיקייט
אויפן טייוול... כע, כע, כע...

העכער

העי, רוחות! די נאַקעטע נעמט אייך צו,
פאַרשווינדט מיט זיי אין דער אייביקער רו.

מען נעמט זיי צו. טייוול צו אַ געבליבענעם רוח.

טייוול

צי אויף זיך געשווינד אַרויף די קליידער דעם דיכ-
טערס, צי אויס דיין קול, מאַך דאָס שטאַרקער פונם דיכטערס,
ווייל אַ רוח, כע כע... ביסטו אַ בעסערער פאַר אים!...

רוח טוט זיך איבער, שטעלט זיך לעבן טייוול אין אַ פּאָזע.

רוח

שטייט אויף, איר טויטע,
מיט די קריוודעס, וואָס איר האָט!
יעדער פון אייך זאָל פאָדערן
אַן ענטפער פון גאָט!...

טייוול נעמט אים געאַרעמט

טייוול

גוט!... פיין!... כע כע... ווו וועלן זיי אים אָבער געפינען?...

גייען ביידע אָפּ, רופן און וועקן. דער פּלאַץ ווערט פינסטער און עס ווערט צוריק באַלויכטן דאָס גוטע־אָרט. דאָס קול פון די וועקער הערט זיך פון ווייט. טויטע הויבן אָן אַרויסצוקריכן פון די קברים.

ניינטע סצענע

אַ פרוי קריכט אַרויס פון קבר, זי איז פאַרבלוטיקט, ווישט זיך די אויגן

פרוי

איך האָב אַצינד פון טיפן שלאָף —
דערוואַכט,
און כאָטש עס טוט מיר ווי יעדער אבר,

וועל איך דאָך
נישט גיין מער צוריק
אין קבר...
מעג אַפּילו קרייען דער האָן,
גייט מיך שוין נישט אָן...
איך מוז הערן אַן ענטפער פון גאָט!...
איך וועל שרייען און שרייען —
זאָלן אַלע וויסן,
ווי מען האָט מיין לעבן —
מיר צעריסן!
„מיינער האָט נישט געגלויבט,
דאָך האָט מען אים גענייט —
מיט אַ ביקס אין האַנט —
צו ברענגען אַ ברודער־טויט...
און אין דעם זעלבן טאָג, ווען מען האָט
מיר געלאָזט וויסן,
אַז פון אַ קויל איז מיין איינציקער
געוואָרן צעריסן. —
דעם זעלבן טאָג האָבן „יענע" ברידער
זיך אין מיין הויז —
אַריינגעריסן,
און פיל פון זיי האָבן מיך —
(איך קאָן נישט זאָגן הויך,
קוים זענען מיידלעך אויך
דאָ, דאָ צווישן,
איז נישט שיין פאַר זיי —
צו וויסן...)
... יאָ, זיי האָבן מיך פאַרדאָרבן,
מיך פאַרדאָרבן, אַז כ'בין געשטאָרבן... — — — —
וויינט
און איצט, איצט זוך איך...
איך קאַן מיינעם נישט געפינען, —

קאָן עס זיין, אַז ער
איז אויף פּיצלעך געוואָרן צעריסן ?...
העי! זכריה! מיין ליבער, מיין אומגליקלעכער — זכריה!—

זי גייט ווייט אַפּ, שרייענדיק: זכריה.

אַלטיטשקער

נע, הע... צרות הייגט, האָט יעדער ב״ה אַ פּעקל,
אַלע האַלטן אין איין וויינען.
איך קאָן דאָס הערן דען? ווען איך וואָלט געהאַט אַ שטעקל
אויף וואָס זיך אָנצולענען,
וואָלט איך שנעל אַנטלאָפן פונם יאָמער-טאָל.
איי איי,
נישטאָ שוין מער די כּוחות פון אַמאָל —
פון דאַן,
ווען איך האָב פאַר אַנדערע געאַרבעט...

דער אַלטיטשקער, שלעפּט זיך לאַנגזאַם אַפּ. עס באַווייזן זיך אַלץ מער און מער טויטע. אַ יונגערמאַן טראָגט אַ קערפּער פון אַ טויט קינד; גייט מיט נאָך איינעם און דערציילט.

יונגערמאַן

... און ווען איך האָב דערזען, ווי מיין קליין שוועסטערל
וואַרפט זיך אין זיינע פעסטע אָרעמס, און ווערט זיך שוין —
ווי אַ באַרג פון טאָל — קיינמאָל נישט אַרויסרייסן,
בין איך ווי צוגעשמידט געוואָרן צום אָרט און נישט געקאָנט
רירן מיט קיין אבר...
... איך האָב געזען אַלץ!...
ווען איך האָב זיך אָפּגעריסן
און שטיל ווי אַ קאַץ, ער זאָל נישט וויסן,
זיך צו אים דערשאַרט —
אים געמאַכט פאַרשטאַרט...
זיך אונטער אים באַהאַלטן
און מיט אַ האַק, מיט אַ שאַרפער האַק —
זיין ווילדן קאָפּ צעשפּאָלטן!

יאָ, הם... און...

בייט זיין טאָן

און שפּעטער, גאָט אין הימל,

ווען זיי האָבן אים געפונען;

וואָס פאַר אַ טומל:

„אונזער קעניג" „פירער פון קאַפּיטאַל" —

האָבן זיי געטון קלאָגן:

און מיך פאַר אַזאַ עזות —

לעבעדיקערהייט — באַגראָבן.

ביין

אַצינד וויל איך הערן אַן ענטפער פון גאָט,

אַן ענטפער פון גאָט, ווי געהאַנדלט ער האָט!...

זיי גייען ביידע אָפּ צווישן די טויטע. משוגענע רביצין, אַנגעטאָ יום־טובדיק קומט צו לויפן פון א זייט, א חברה שדים אַרום איר. די שדים שרייען, מאַכן געוואַלטן, שפּרינגען און מאַכן קאָזשעליקעס, די טויטע ציען זיך צוריק, קוקן נייגעריק און דערשראָקן. א שטאַרקע שיין איז אָנגעשטעלט אויף די רביצין מיט די שדים, ווייטער איז פינסטערלעך.

רביצין

באַטאָנט יעדעס וואָרט

איך בין דאָס ווייב פון ר' אלי דעם רב,

וועמעס ביינער רוען לאַנג שוין אָפּ.

איך האָב אַ שטול, זאָגט מען, אין גן־עדן —

דאָך טאַנץ איך דאָ, אַרום מיט שדים...

דאָס טו איך אומישנע, כאָטשבע איך קאָן קוים

די אַלטע ביינער רירן!

דאָך וועל איך מיט די שדים טאַנצן, שפּרינגען,

ביז כ'וועל גאָטס ענטפער הערן!

העי!... — — —

רירעוודיק,

רירעוודיק,

רירעוודיק,

רירעוודיק —
לעבעדיקער!...

שדים

פיה־ה־ה־ה־ש־ש־ך

שדים פייפן, שפרינגען, מאַכן קאָזשעליקעס. עס דונערט און עס בליצט.

רביצין

לעבעדיקער! לעבעדיקער! לעבעדיקער!

פייפט מיט צוויי פינגער אין מויל.

שדים

כאַ־כאַ, כאַ־כאַ, כאַ־כאַ!!... פיה־ה־ה־ה־ש־ש־ך

רביצין

שדימלעך, שדימלעך, טאַנצט אין אַ ראָד
און מיר גיט אַהער אַ שטעקן!
די רביצין, די רביצין גייט זינגען און טאַנצן,
און איר שאָקלט צו מיט די עקן!...

די שדים טאַנצן ארום איר אין אַ ראָד, די רביצין קלאַפּט צו מיט די הענט און זינגט: „שבת״! „שבת״! „שבת״!...

רביצין

ווו זענען די זין מיינע, די פילע, אויף דער וועלט,
וועלכע האָבן געלעבט זיך צופרידן;
אין פראַנקרייך — ברוך, אין דייטשלאנד — זרח,
אין רוסלאנד — בונם און ראובן...

שדים

איי איי! אין רוסלאנד — בונם און ראובן!

רביצין

... און אַז גאָטן האָט פאַרגלוסט זיך צו מאַכן אַ קריג צווישן דידאָזיקע מדינות,
מוזן אייגענע ברידער זיך קוילן און קוילן
און איבערלאָזן אין דערהיים אלמנות!?...

שדים

איי איי! איבערלאַזן אין דערהיים אלמנות!...

רביצין

... און איך וועל אַזוי טאַנצן און נישט גיין צוריק אין קבר
אַפילו כ׳וועל בלייבן אַליין!
גאָט מוז איצט קומען און מיר אַלץ — דערקלערן:
דעם תוך, די פּירונג, זיין מיין!...

שדים

איי איי! דעם תוך, די פּירונג, זיין מיין! כא כא, כא כא!...

רביצין

לעבעדיקער וויסטענקע, לעבעדיקער פינסטערע,
טאַנצט, ווי איך פיר מיטן שטעקן!
די רביצין, די רביצין, זי טאַנצט מיט שדים,
שאָקלט אַלץ שטאַרקער די עקן!...

שדים

פּי—ה!—ה?—ש!—ס!—ט!—!ט—?!...

שדים טאַנצן אַרום דער רביצין. די רביצין דרייט זיך, טאַנצט, שרייט:

רביצין

רירעוודיקער,
שאָקלדיקער,
לעבעדיקער,
שדיםדיקער —
שבת! שבת! שבת!...

שדים

שאַבּס! שאַבּס! שאַבּס! כא כא, כא כא!
האָפּצאַצא! האָפּצאַצא! האָפּצאַצא!...

שדים שלעפּן אָפּ די רביצין אין גרויס געוודער. עס ווערט ליכטיקער.

איינע

אַ ביסל געדירט!

אַ צווייטע

און רעדט צו דער זאַך!

ערשטע

עט, וואָס איך דאַכט...

צווייטע

בו גיי מאַך !...

לאָזט זי שטיין.

משוגענע כלה לויפט אַן.

משוגענע כלה

וואָס איז עס פאַר אַ געדרודער דאָ, —
האַ ?
וואָס ?
וואָסי ? —
און וואָס טאַנצט שוין זי ?...
עס איז נאָך צו פרי !...
מיין חתונה קאָן נאָך היינט נישט
פאָרקומען...
איר ווייסט דאָך :
רררעוואָלוציע !...
מיין חתן איז אַוועק אין שלאַכט,
און ווער ווייסט, צי ער וועט קומען
צוריק היינט ביינאַכט ?...
און ווייטער...
ווייטער... — — —
ווייטער בין איך שוין נישט, וואָס געווען...
ווייסע גוואַרדייצעס,
קרעציקע היינט —
אפשר אַ פאָלק אַ גאַנצעס,
ווי איז מיר און ווינט...
הא ? — — —
... אפשר וועט ער מיך שוין נישט וועלן ?!...
ווען איך וואָלט גאָט געזען,
וואָלט איך אים געפרעגט :
וואָס ס׳עט זיין ? — — —

וו אָבער געפינט מען היינט גאָט ?!...

גייט אָפּ, זוכנדיק

וו געפינט מען היינט גאָט ?... — — —

פּאַרפּירטע

קומט אָן, בלאָזט פון זיך

איך בין די פּאַרפּירטע
און שעם זיך נישט מער פאר אייך,
כ׳קאָן קוקן איצט אַלעמען
אין די אויגן גלייך !
איך וועל טאַקע וואַרטן,
וועל הערן, וואָס גאָט האָט צו זאָגן !...
ס׳איז שוין היינט נישט אַזוי געפערלעך, —
כאָטשבי עס איז נישט ערלעך
אַזוי אָפן צו רעדן...
אָבער נישקשה, קינד און קייט —
אַלע ווייסן שוין היינט,
אַז מיידלעך... פיינע באַלעבאַטישע קינדער,
אַלע קומען אַזוי ווי איך !... — — —

גייט אָפּ שטאָלץ, א רייזן־קערפּער גייט דורך, טראָגט א תאמער אין א סערפּ, גייט רעדנדיק

איך בין פון יענעם קלאַס, וואָס שאַפט !
איך בין דער אַרבעטאָרער —
אַרבעטאָרער,
וו איז גאָט ?!...
איך בין דער שטאַרקסטער זייל אין שאפן,
איך בין דער אַרבעטאָרער —

פארלירט פלוצלינג זיין קאָפּ

איך בין גאָט !...
איך בין גאָט !...

גייט אָפּ, איבערראשט פון זיין געדאַנק. צוויי אָן פיס שלעפּן זיך דורך

ערשטער

צרת רבים חצי נחמה...

צווייטער

וויסעך, עט, בע, מע!

עס גייען דורך צוויי אָן קעפּ ביז צו דער נאָז, איינער טראָגט די אויגן אין דער האַנט, דער צווייטער הייבט אויף דעם פון פריער אַראָפּגעפאַלענעם קאָפּ, מעסט זיך אָן, פרייט זיך.

איינער

איך... הם... עה...
איך האָב אלע מאָל געגלויבט אין
גאָט!
האָב אָבער קיין מאָל נישט
געהאָפט
אים צו זען!
אָבער איצט, ווען איך האָב מיינע אויגן געפונען!...

צווייטער

איך האָב אויך אַלע מאָל געגלויבט אין גאָט;
נישט האָבנדיק קיין קאָפּ,
האָב איך קיינמאָל נישט געקלערט...
און דאָס קאָן טאַקע זיין:
וואָס אפילו ביים לעבן
בין איך אויך געלעגן אין דער ערד...
אז איך האָב קיינמאָל נישט געקלערט!...
אָבער אַצינד, אַז איך האָב אַ קאָפּ אויף זיך,
וויל איך אויך גאָט זען,
איך וויל אים פרעגן:
פאַרוואָס האָב איך ביז איצט נישט געהאַט קיין קאָפּ אויף זיך?...

ביידע רוקן זיך שנעל אָפּ. דער העלד, באַהאַנגען מיט מעדאַלן, קומט אָן, שטעלט זיך אָפּ.

העלד

אין האָב מיין לעבן
אָפּגעגעבן
אויפן שלאַכטפעלד!
און אַצינד,

אז איך בין דער העלד!
מוז איך גאָט געפינען,
איך וויל אים פרעגן:
(איך ווייס דאָך נישט!)
וואָס האָב איך געווונען?!... — — —
אָבער זוכן גלאַט,
ווו געפינט מען אים? — — —

גייט אָפּ. אויף דינע, שטרויענע פיסלעך שפרינגט אַריין אַ מיט פלייש אויסגעריסענע באָרד. רעדט מיט דער באַגלייטונג פון מוזיק.

באָרד

טים, טים, טים, —
טים, טים, טים!...
כע—כע! כע—כע!

דערציילט

עך ווייס נישט, ווי אזוי
עך בין געקומען צו קבר־ישראל,
אַז אויסגעריסן האָט מען מעך
אויף אַ באַן,
און ארויסגעוואָרפן אויפן פעלד...
קאָן זיין, אַז מ׳האָט מעך על־פי־טעות
צוגעוואָרפן צו אַ טויטן העלד...
אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זיין,
וויל איך גאָט זען,
עך וויל וויסן:
פאַר וועלכע זינד, האָט מען
מעך אויסגעריסן?... — — —
פאַר וועלכע? — — —
טים, טים, טים, —
טים, טים, טים!
כע—כע! כע—כע!...

די באָרד שפרינגט אַרום דאָ און דאָרט, צוויי קעפּ שלעפּן זיך דורך

ערשטער קאָפּ

ס'איז געקומען די נאכט,
ווען אַ טויטער דערוואַכט! —
ווען אַ טויטער דערוואכט,
קאָן ער פירן אַ שלאכט?...

צווייטער קאָפּ

אויב ער דענקט נאָר נישט
פארפוילט,
מעג ער נישט פאַרמאָגן
קא הויט,
איז ער ריין!...

ערשטער קאָפּ

מיינסט צו זאָגן: הם... עה... אז...

צווייטער קאָפּ

יאָ יאָ... אויב ער וועט זיך נישט שרעקן פאַרן קריי פונם האָן,
איז דאָס זיין קאָן!

די קעפּ שלעפן זיך אָפּ. צווי געשטאַלטן גייען דורך.

ערשט געשטאלט

בין געוואָרן זיי פּלוצלינג אַ פרעמדער...
זיי דערקענען מיך שוין גאָרנישט...

צווייט געשטאַלט

מיך אויך... ווען איך זאָג, ווער איך בין,
גלאָצט מען אויס אַ פּאָר אויגן, ווי אויף אַ בייז וואונדער.

ערשט געשטאַלט

ווער-זשע זענט איר טאַקע?

צווייט געשטאַלט

איך? — גלויבן... און איר?

ערשט געשטאַלט

איך? — פרומקייט!..

ביידע

אויב אַזוי, זענען מיר דאָך גאָר נאָענטע קרובים:...

פֿיידע גייען אוועק געאָרעמט. עס דערנענטערט זיך דאָס קויל פון די וועקער, און באַלד באַווייזן זיך: דער רוח און דער טייוול אין איבערגעטויענע קליידער. קלאַפן אין די קברים און וועקן.

רוח

שטייט אויף, איר טויטע,
מיט די קריוודעס, וואָס איר האָט,
יעדער פון אייך פאָדערט
אַן ענטפער פון גאָט.
קעפ!
שאַרבנס!
הענט!
פיס!
צעשניטענע בייכער!
צעבראָכענע ביינער!
אָפגעהאַקטע פינגער!
יעדער אבר, דערשיין באַזונדער!
זאָל דאָס בילד זיין
דאָס שרעקלעכסטע בילד פאַר גאָט!
זאָל דאָס בילד זיין,
ווי דער שטאַרקסטער דונער אין דער שטילסטער נאַכט!
זאָל דאָס בילד זיין,
ווי דאָס גרעסטע פייער אין דער פינסטערסטער נאַכט!
ווען אַלע טויטע וועלן דערוואַכן,
וועלן די הימלען זיך אויפמאַכן:
וועט דערשיינען — גאָט!...
שטיי—ט אוי—פֿף, טוי—טע!
דערוו—וואַכט—ט פון איי—ער לאַנג—גן שלאָ—ף!.. — — —
עס שפרינגט ווידער דורך די באָרד

די באָרד

טים, טים, טים,
טים, טים, טים;
כאַ—כאַ! כאַ—כאַ!...

צענטע סצענע

פּאַרפּאַסער קומט אַרויס, ווייזט מיט די הענט מען זאָל ווערן שטיל.

פּאַרפּאַסער

שאַט! שאַט! שאַט!
מאַכט נישט קיין גערודער,
מאַכט נישט קיין געטומל,
די טויטע זענען מיט מזל
שוין אַרויף אין הימל!...

ביים זיין טאָן

אָבער עס נעמט דאָך צייט, אויפצוהענגען אַ הימל?!..
הע, איר דאָרט, זיצט! —
שטערט נישט די שפּיל...
דרייען זיך אַרום,
ווי די פליגל פון אַ ווינט־מיל.

קוקט אַריין דורך אַ שפּאַרע פון פּאָרהאַנג.

אויך דער הימל איז שוין פאַרטיק,
און דאָס גן־עדן!
הם... שמייכלט הע...
עס טוט זיך דאָרט,
היצט אָן די שדים...
כע, כע...

באַלד

אָבער האָט נישט מורא
פאַר די שדים,
און פרייט אייך נישט —
מיטן גן־עדן.
ס'וועט דאָ בלויז פאָרקומען
אויף אַזוי פיל,
וויפיל מיר דאַרפן
צו דער שפּיל.

אַ מלאך שטרעקט אַרויס דעם קאָפּ פון פּאָרהאַנג.

מלאך

פאַרפאָסער ?... חבר פאַרפאָסער !
ווען וועט מען שוין אָנהויבן ? —
איך באַדאַרף דאָך אַהיימגיין,
מיין פיצל קינד אָנזויגן !

פאַרפאָסער

אַ רחמנות געבען אויף איר
אַ גרויס :
געלאָזט אַ זויג-קינד אַליין
אין הויז.
איר מאַן—אין בעט (שוין לאַנג !)
ליגט אַ קראַנקער,
און אים אויפצוהאַלטן,
שפּילט זי טעאַטער !

צום מלאך

אַט באַלד, באלד, ליבער מלאך !

מלאך פאַרשווינדט. פאַרפאָסער גיט אַ פייף

העי, גרויסער באַלמעלאָכע !
צי אַרויף דעם פאָרהאַנג

עס ווערט פינסטער. פאַרפאָסער פאַרשווינדט. די סצענע שטעלט פאָר דאָס גן־עדן. אַ שיינער פּאַלאַץ, פול מיט מענטשן פון פאַרשידענע גאַציאָנען. אַלע זענען זייער רייך פאַרפוצט. זיי שטייען מיט די קעפּ און הענט אויפגעהויבן צו אַ שטול, וואָס הענגט אין די לופטן, מלאכים זינגען און שפּילן. אַלע העלפן מיט.

אַלע

גרויסער גאָט, באַשאַפער פון די וועלטן,
פאַרנעם, אָ פאַרנעם אַ לויב-געזאַנג צו דיר !
די לוסט און פרייד פון אונזערע הערצער,
אַ מאָרגן-קרבן ברענגען מיר צו דיר !
און ווי דער מאָרגן-טוי — ריין און לויטער,
און ווי די זון, לבנה, טאָג און נאַכט איז אמת —

אַזוי איז ריין און לויטער און אמת
אונזער לויט צו דיר, אָ גאָט!

דער כאָר ווערט שטיל. איין זינגער שיילט זיך אַרויס פון עולם, זינגט
אויסגעצויגן פון תהילים. דער עולם ווערט אַריינגעצויגן און זינגט
שטיל מיט, וויגן זיך צו ווי צום טאַנצן. אַ טענצערין לאָזט זיך אין
אַ הייליקן טאַנץ, אַלע ווערן אַריינגעצויגן אין טאַנצן. פויזע.

איינער
פלוצלינג

מיר זענען זינדיק!...
ווייזט אָן מיטן פינגער

די שטול!...

אַ צווייטער

די שטול!...

אַ דריטער

די שטול איז ליידיק! ווו איז גאָט?!...

פון עולם

גאָט איז נישטאָ! מען האָט אונז גענאַרט! אומזיסט אין די
קברים געלעגן!
גרויס גערודער.

מאָנאָטאָן קול

א—א—א—א!...

פון עולם

— מען האָט אונז געגאַרט!
— מירן זיך געמוטשעט אַ גאַנץ לעבן!
— ווו איז גאָט?
— מען האָט אונז שטענדיק געגאַרט!
— לויפט אים זוכן!
— זוכט אויס גאָט!

איינינקע
קומען צו לויפן

נישטאָ אים!... נישטאָ גאָט!... אין ערגעץ נישטאָ!... דעם גאַנצן

הימל איבערגעדרייט, אַדורכגענישטערט ווי אַ לאָך, נישטאָ
גאָט, גאָט איז נישטאָ!...

אייניקע

ווי, ווי...
וויינען

מאָנאָטאָן קול

עס באווייזן זיך פלוצלינג שדים און רוחות, זיי קוקן דורך די פענס־
טער, רוישן און ברעכן די שויבן.

אַלע

די טומאה!!...

אייניקע

ווענדן זיך צו דער שטול

זיי זענען מטמא דאָס גן־עדן, גאָט, וואָס שווייגסט דו?!...
א ווילד צעשויבערטער קאָפּ פון א שד קוקט ארויס פון דער שטול.

אַלע

אַ שד! — — — —
אָ, גאָט דערבאַרעמדיקער!...
דאָס געטומל ווערט גרעסער, די רוחות און שדים רייסן זיך אריין
דורך די טירן און פענסטער

אַ רוח

כאַפּט זיי!
קלאַפּט זיי!
נעמט זיי!
רייסט זיי!
הו—הו—הו—הו!...
קיל—ל—ל—ל, קיטש—ש—ש—ש!...
דאָס געטומל ווערט גאר גרויס. די שדים און רוחות כאפּן די דער־
שראָקענע מענער און פרויען, רייסן מיט געוואַלט פון זיי ארונטער די
קליידער. די, וואָס פּראָטעסטירן, פון די לאכט מען מער אָפּ. א רוח
לויפט אריין פּארסאָפּעט.

אַ רוח

טוט אייך אלע

אַ צעשפּרייט:
דער טייוול גייט!
דער טייוול גייט!...

רוחות און שדים

דער טייוול גייט!
דער טייוול גייט!
דער טייוול גייט!
טוט אייך אַלע
אַ צעשפּרייט!...
מאַכן פּלאַץ

אייניקע

אָ, גאָט אַלמעכטיקער!

מאָנאָטאָן קול

א—א—א—א!!...

געלעכטער פון די שדים און רוחות. טייוול באַווייזט זיך

רוחות און שדים

אַטשע, באַטשע, קיטשע — פּיטש,
לאָמיר אַלע געבן אַ קוויטש —
הי, הו, הע,—האַ...
כאַ-כאַ! כאַ-כאַ!
פאַר אונזער האַר...
פאַר אונזער האַר — — —
בוקן זיך.

טייוול

שוין געקומען
איז די צייט,
אַלע זענען
איצט באַפרייט:
פון די קלויסטער!...
פון די שולן!...
גענוג געבראָטן,
גענוג געברענט,

נעמט אייך אַלע
ביי די הענט:
פרומע מיט רשעים,
קלוגע מיט פּראָים,
גבירים און קבצנים —
אַלע גלייכע יחסנים!...

מאָנאָטאָן קול

א—א—א—א!...

טייוול

איר דאַרפט שוין מער נישט
„גלויבן און ליידן" —
גאָט פאַרטריבן
איז פון גן־עדן...
גאָט איז מער נישט
אויפן הימל!...
לעבט!... געניסט!...
מאַכט אַ טומל!

רוחות און שדים

גאָט איז מער נישט
אויפן הימל?!
מאַכט אַ טומל!
מאַכט אַ טומל!
כאַ, כי, כו, כע.
כי—כי—כי—כו!...

טייוול

איך בין איצט הערשער
פון גאָר דער וועלט,
כ'האָב אַלע געזעצן
צעריסן... — פאַרברענט!
איר זאָלט נישט לעבן
מער פאַרנאַרט;
פירט אַ לעבן

אָפּ — פאַרשאַרט...
פירט אַ לעבן,
ווי אין רוים!...
פירט אַ לעבן,
ווי אין כדום!...

רוחות און שדים

ווי אין רוים!
ווי אין סדום!
כי—כי—כו, כא—!...

קרומען זיך און דרייען זיך

כי—כי—כו, כא—!...

טייוול

רביים מיט מכשפות,
מלאכים מיט רוחות!
דער קאָפּ און דער עק —
מאַט און גלאַנץ!
פאַרוויקלט אַ טאַנץ!... — — —

פויזע. גערודער. שטיל. מען טאַנצט אַ פאַרשאַרטן ברוגז־טאַנץ. דער טייוול כאַפּט זיך אַריין אין דער הענגנדיקער שטול, צעשפרייט זיך דאָרט, לאַכט פאַרגעניגנד, רייבט צופרידן די הענט.

טייוול

כע—כע—כע, פיין!...
כ'האָב אים אַליין —
גאָט —
פון גן־עדן
פאַריאָגט!... — — —
כע—כע—כע, פיין!

גרויס געטומל און גערודער פון די שדים און רוחות.

שדים און רוחות

כע—כע—כע—כאם!...
פיי—פיי—פיין!!!...
כא, כא, כא, כא!...

פאָרהאַנג.

צוועלפטע סצענע

מען לאָזט דעם עולם אין טעאַטער לאַנג וואַרטן. איידער עס ווערט פינסטער, קומט אַרויס דער פּראָפעסאָר.

פּראָפעסאָר

מאַכט נישט קיין געררודער,
מאַכט נישט קיין געטומל,
ס'גייט באַלד פאָרקומען
אַ יאַריד אויפן הימל!
מיר וועלן אייך ווייזן ס'לעבן
אויפן הימל (אויף יענער וועלט!)
א ביסל פאַרדרייט,
אַ ביסל פאַרשטעלט...

אַ ליץ שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון פּאָרהאַנג, מאַכט: „אַ—בע!..."
ווייזט אַ לאַנגע צונג. פּראָפעסאָר שטופּט אים צוריק אַריין.

פּראָפעסאָר

נאָכנישט!...
רעדט צום עולם

דאָס איז אַ ליץ,
ער איז אומעטום פול —
מיר וועלן אים באַגעגענען
נאָך,
שפּעטער אין דער שפּיל.
מען קלינגט.

פּראָפעסאָר
כאַפּט זיך

אָוואַ, אָוואַ, כ'האָב זיך פאַררעדט,
קוקט אויפן זייגער

און עס איז שוין אַזוי שפּעט!
גיט אַ פייף
פּראָפעסאָר אָפּ.

פּאָרהאַנג

דרייצנטע סצענע

פאַרהאַנג הויבט זיך אויף. די סצענע שטעלט פאָר אַ יאַריד אויפן הימל. אין הינטערגרונט שטייען אַ שרענגע ביידלעך, ווו עס זענען אויסגעשטעלט פאַרשידענע „געטער” צום פאַרקויפן. די, וואָס פאַרקויפן די געטער — די „מאַרקזיצער” גייען אָנגעטון, יעדער לויט זיין אָפּשטאַמונג, זיינע הייליקע נאַציאָנאַלע קליידער. מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנען לויפן אַרום פאַרהאַוועט, זוכן און באַטאַפּן די געטער.

ערשטער מאַרקזיצער

רעדט צו אַ פריינט

... כ׳האָב אים אָפּגעוואַשן ס׳פּנים מיט שוועבל־וואַסער, אויך גוט אים אויסגעריבן די אויערן דערמיט, כמיין... אפשר עט עס העלפן. קוקט ער נישט אויס ווי ניי ?... צו אַ פאַרבייגייער. ע! קויפט אייך אַ גאָט!... ביליק!... זייער ביליק!... פיענטש זלאָטי!... ווייזט דעם אויסגעוואַשענעם גאָט. פאַרבייגייער, הויבט דעם אקסל און גייט אָפּ. דער מאַרקזיצער רעדט פאַרזאָרגט צום פריינט... נו, זעסטו דאָך, אָט אַזוי אָ הויבן זיי אַלע די אַקסלען און גייען אוועק... אַ וויסטע צייט אָנגעקומען, שווערע וואָלקנס ציען זיך אַהער. די מענטשן גלויבן מער נישט אין די אַלטע געטער... יאָ, יאָ! איך שפּאַס נישט... זיפצט. איז, כאָטש גראָב אויס אַ גרויסן קבר און לייג זיך מיט דיין גאָט אַהין אַריין...

דער פריינט

איז טאַקע שלעכט... איז טאַקע ביטער... אין קאַלטן קבר, און דערצו מיט אַ קאַלטן גאָט... — — —

ערשטער מאַרקזיצער

און שולדיק איז רעדט שטיל רעוואָ... קוקט זיך אַרום רע—וואָ—לוצי—ע! פאַרברענט זאָל דאָס ווערן!... גלאָטן און איך האַלט זיך מיטן גאָט!

דער פריינט

אַ נייער, האַ? אַ נייער גאָט?

ערשטער מאַרקזיצער

שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. צו די פֿאַרבייגייער

מענטש, קויפֿט אייך אַ גאָט! דאָס איז דער אמתער גאָט!..
ועט, בּיליק!

פּיצנטש זלאָטי!... ווייזט דעם גאָט. נאַט, גיט אַליין אַ קוק!

פֿאַרבייגייער

מאַכט אַוועק מיט דער האַנט

נישט אַזאַ זוך איך!...

גייט אָפּ.

צווייטער מאַרקזיצער

מישט זיך אַריין

נישט אַזאַ זוך איך... שאָקלט נאָך מיטן קאָפּ. איך ווייס, וואָס ער זוכט! שטילער. „רעוואָ” זוכט ער... פֿאָ... כאַפּט אָן אַ פֿאַרבייגייער. קויפֿט אייך אַ גאָט, מענטש! קויפֿט אייך אײַן אַ גאָט, מײַנער איז דער אמתער גאָט! נעמט, בּיליק! אַכצן ראַניש...

דריטער מאַרקזיצער

פּוצט מיט קרייד אַ מעשענעם גאָט

טשאַנג—אָ—לי—בּי—האַנ—ג! טשאַנג—אָ—לי—בּי—האַנ—ג! כאַפּט אָן אַ פֿאַרבייגייער. לינג—אָ—כי—כאַנג!... לינג — אָ — כי — כאַנג!
בּיליק!...

ערשטער מאַרקזיצער

צום פֿריינט

זעסטו, ווען רעוואָלוציע וואָלט זיך היינט אויך נישט באַוויזן, וואָלטן... וואָלטן מיר אפֿשר היינט, אין אַזאַ יאַריד, קאָן זײַן, עפּעס געלייזט...

פֿערטער מאַרקזיצער פֿירט־אַרויס אַן אַלטן גאָט, האַלב מענטש האַלב חיה, בּאַשיט דעם גאָט מיט אַש, ער זאָל אויסזען עלטער.

פֿערטער מאַרקזיצער

רעדט

בּאַשאָטן אים מיט אַש, אפֿשר וועט דאָס העלפֿן... איצט איז ער אַלט... אַן אַלטערטימלעכקייט... אַלטקייט גלויבּט מען... פֿאַר אַלטקייט האָט מען דרך־ארץ... אפֿשר?... הויבּט דעם אַקסל. ע

קויפט אייך אַ גאָט! דאָס איז דער אמתער גאָט! ביליק, אַ נייעם!... צען סענט!... (בייז.) נאַדעמיט!...

איינער, וואָס איז די גאנצע צייט ארומגעגאַנגען די טישלעך, שטעלט זיך אָפּ און רעדט צום עולם, וואָס זיצט אין טעאַטער.

איינער

איטלעכער סוחר לויבט זיין סחורה... ביי יעדן פון זיי איז זיין גאָט „דער אמתער גאָט!...״ איי, מסחר! מסחר!... זיי ווייסן נישט, ווער איך בין... איר ווייסט אויך נישט... איך מוז אָבער דאָ זיין, זען, אַז אַלעס זאָל זיין אין אָרדנונג. איך בין דער...

מאַכט אויף זיין פלאַשטש, מען זעט, אַז ער איז דער פארפאסער, ער פארשווינדט.

פינפטער מאַרקזיצער

רעדט צו זיך

דער עולם איז אַ גולם... מען וואָלט באַדאַרפן פאַר אים אויס־טראַכטן עפּעס אַ נייעם גאָט... אַ בלישטשנדיקן... עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס... פּאַרעט זיך מיט זיינע געטער. ע—עך, ווען איך האָב אַ שטיקעלע מזל... אַ קליין שטיקעלע מזל... לייגט אוועק אַ געטל. אַך, ווי דער גאַנצער מסחר, דערעקלט מיך!...

דער לץ שפּאַצירט דורך, באַטאַפּט די געטער, באַטראַכט זיי מיט אַ ציניש שמייכל.

לץ

דער אמתער גאָט, האַ?... ביליק, וואָס?... דער מארקזיצער קוקט אים אָן פאַרגאַפט. לץ: באַמערקט נישט, רעדט ווייטער. אָט די אָ, ווייזט אויף די געטשן קאָנען אונז אין אַלעם העלפן... שמייכלט, באטאפט די געטשן.

פינפטער מאַרקזיצער

רעדט צו זיך

אָט דערדאָזיקער... עפּעס אַ מאָדנע באַשעפעניש... אַ שלים־מזל... וואָלט געווען אַ פיינער גאָט!... רופט אים. העי, איר! לץ קומט צו, מארקזיצער רעדט מיט אים. ווילסט זיין אַ גאָט?... האַ?...

זאָגט אים עפּעס אויפן אויער.

לץ

א גאָ—אָ—ט?... שמייכלט, ווינקט מיט אן איגל. אַ... ווייזט אָן אויף די אויסגעשטעלטע געטער.

פינפטער מאַרקזיצער

שאָקלט מיטן קאָפּ

יאָ! — — —

לץ

כע־כע, כי... שטעלט זיך אוועק אין א פּאָזע. אַזוי?... און אן אנדער פּאָזע. אַזוי?... און א דריטע פּאָזע. אפשר גאָר אַזוי?...

פינפטער מאַרקזיצער

פריילעך

פיין! גרויסאַרטיק! מירן פּרוון אַלע פּאָזן...

נעמט אים אריין אין ביידל, פּארפּאסער שטרעקט ארויס דעם קאָפּ פון א זייט פּאָרהאַנג, רעדט צום עולם.

פּאַרפּאַסער

דאָס איז דער לץ,
אָט וועט עץ
באַלד זען אַ זאַך,
וואָס וועט אייך מאַכן
צום לאַכן
גאָר אַ סך.
כע כע...
אָט דער נשמה־רעטער,
וואָס האַנדלט מיט די געטער,
טוט אַליין אויפן אמת שפּייען,
לעבט בלויז פון נאַרערייען...
ער מיינט, אַז היינט — ווי אַמאָל —
מ׳קאָן נאָך נאַרן די מענטשן:
אַוועק שטעלן פאַר זיי עפּעס אַ לץ,
ער זאָל זיי מ׳קלאָמפּערשט — בענטשן...
כע־כע, אירט זען באַלד אַ שיינס!

פארשווינדט. פינפטער מארקזיצער ברענגט ארויס דעם לץ, האָט אים
אָנגעטון ראשיקע, קאָלירטע קליידער, רעדט צו אים.

פינפטער מאַרקזיצער

...אָבער געדענק, זאָלסט שטיין ווי אַ געטש און זיך נישט אַ
ריר טון פון אָרט.

לץ

אַזוי?...

ווייזט א פאַזע

פינפטער מאַרקזיצער

זאָל זיין אַזוי... אויב ס׳וועט נישט גיין, וועסטו עס מאַכן שפּע-
טער אַנדערש.

שטעלט אים אַוועק אויף א קאסטן.

לץ

איי עלן מיר זיי נאַרן...

פינפטער מאַרקזיצער

דאָס איז גאָרנישט... ווייזט אָן אויף די אויסגעשטעלטע געטער, רעדט
שטיל. ס׳איז אַלץ דאָ אַ גרויס גענאַרעריי!... אַלע נאַרן רעדט
באַלד. נו, ביסט שוין גרייט?

לץ פארקרימט זיך, פארדרייט די הענט מיט די פיס, שפּארט זיך אָן
אויף א גרויסן שטעקן.

לץ

שוין גרררר—רייטט!...

פינפטער מארקזיצער באטראכט אים פון אלע זייטן, לץ היסט זיך אויס,
שטעלט זיך אין א פאַזע.

פינפטער מאַרקזיצער

צו די פארבייגייער

שטעלט אייך אָפּ, מענטשן! מאַכט אויף אייערע אויגן און קוקט
אייך גוט ארום! קוקט אָן אַ גאָט! איר האָט נאָך אַזאַ גאָט
אַפילו אין אייער חלום נאָך נישט געזען! זעט איר זיין פאַר-
קרומט פנים? — דאָס איז אויסגעקרומט געוואָרן פון די ליידן
פון דער מענטשהייט!... זעט איר זיינע קרומע פיס און אויס-
געדרייטע הענט?—קרום און פארדרייט, ווי די קרומע און פארדרייטע

וועגן פון אונזער לעבן! דאָס קומט אויך פון די ליידן פון דער מענטשהייט! יאָ, פון די ליידן פון דער זינדיקער מענטשהייט!... זינדיקע, זאָג איך, אַן עולם שטעלט זיך ארום ווייל די מענטשן זענען היינט זינדיק!

א שטימע פון עולם

קוקט אויס אַן אמתדיקער!

פינפטער מאַרקזיצער

אַוודאי איז ער אַן אמתדיקער, ווי איר אַלע זענט אמתדיקע!

א שטימע פון עולם

אַ פיסק האָט ער, קאָן ער רעדן?

צווייטע שטימע

פיס האָט ער, קאָן ער גיין?

דריטע שטימע

הענט האָט ער, קאָן ער אַרבעטן?

געלעכטער צווישן עולם.

פינפטער מאַרקזיצער

קאָכט זיך

אוודאי קאָן ער, ער קאָן אַלץ!

פון עולם

— לאָמיר הערן זיין קול!
— ער זאָגט ליגנט! ער קאָן נישט!
— ער קאָן יאָ, ער קאָן!
— עסן קאָן ער?...
— אויב ער קאָן עסן, זאָל ער גיין...

פינפטער מארקזיצער

שאט! שאט! מירן באַלד זען!

דער מארקזיצער בוקט זיך פארן לץ. פארגלייזט די אויגן, בעט פרום.

צלאַ, באַלאַ,
האָלאַ, קאָלאַ,
אין זכות פון מיין הייליקן זיידן,

ליבער, גרויסער גאָט, טו רעדן !...

בוקט זיך, רעדט איינטאָניק

... גרויסער באַשאַפער פון אַלע וועלטן, מיר בוקן זיך צו דיר, רעד אַ וואָרט צו דיינע קנעכט, צו דיינע אָרעמע, זינדיקע קנעכט !...

דער לץ הויבט מעכאניש אויף פריער א האנט, נאכהער א פוס, רעדט מיט א קוויטשיק קול.

לץ

גלויבט אין מיר, איר זינדיקע מענטשן... איך בין דער אמתער גאָט... איך... עמעצער פון עולם באטאפט אים, גיט אים א קיצל. כי, כי, כי, כי !... פלאצט ארויס אין א גרויס געלעכטער. קיצל מיך נישט !...

אלע בלייבן צעטומלט, לץ שטרעקט ארויס א לאנגע צונג, פארשווינדט.

פון עולם

— דאָס איז דער לץ ! דער לץ ! כאַ-כאַ-כאַ !...

— נארן האָט מען אונז געוואָלט !..

— האָב באַלד געוווסט, אַז דאָס איז אַ נאַרעריי !...

— אָט ווי די אַלע זענען נאַרערייען !...

— אַלע די זענען נאַרערייען !...

— גיט אונז אַ ריכטיקן גאָט און מיר וועלן אים דינען !...

— אַ ריכטיקן... אַוודאי... דערקענען... כע-כע... נאַרן... געוואָלט.

— ווייטער נאַרן... כא-כא !

געלעכטער. צעגייען זיך.

ערשטער מאַרקזיצער

נו, ער האָט שוין דעם מסחר דערהרגעט !...

צווייטער מאַרקזיצער

מ'עט שוין מעגן איינמארינירן די סחורה !...

דריטער מאַרקזיצער

אַ טאָג, גראד אַזא שיינער ! אַך אַ שאָד, אַ שאָד...

פערטער מאַרקזיצער

ער האָט אונז אויפגעוויזן, ווי שוואַרץ אויף ווייס ! זוי צוויי מאל צוויי איז פיר...

ערשטער מאַרקזיצער

וואָס־זשע שטייען מיר, לאָמיר אים דערלאַנגען! אזא פרא־אדם...

עטלעכע מאַרקזיצער

אַזאַ שווייגערײַ!

לאָזן זיך צו אים מיט די געטער אין די הענט, כּדי צו שלאָגן. פּינפּ־טער מאַרקזיצער קאָרטשעט זיך איין אין דרייען, עס דערטראָגט זיך אַ גרויס גערודער, די מאַרקזיצער בלייבן שטיין מיט די געטער אין די הענט, — פאַרווירט. פון רעכטס קומט אָן אַ ריזיקע פיגור, די פיגור איז אָן אַ קאָפּ, איז אינגאַנצן באַגאָסן מיט בלוט, ארום דער פיגור גייט אַ גרויסער עולם פון קליין און גרויס. מען שרייט, מען זינגט, מען וויינט און מען לאַכט. די פיגור גייט דורך דעם מאַרק, דער עולם גייט מיט, דורכגייענדיק, שטופּט מען אוועק די מאַרקזיצער, מען קערט איבער די טישלעך און מען טרעט איבער די געטער. אַלע גייען אָפּ. פּויזע. די מאַרקזיצער קומען צו זיך.

ערשטער מאַרקזיצער

דאָס איז... — — —

צווייטער מאַרקזיצער

דערשראָקן

רעוואָ?!...

דריטער מאַרקזיצער

יאָ, דאָס איז רעוואָלוציע!... איז דאָך געקומען, בײַ צום טײַוול!

ערשטער מאַרקזיצער

צ'האָט געזען די גבורה, צ'האָט געזען?

צווייטער מאַרקזיצער

מערקווירדיק, ער האָט נישט קיין קאָפּ, איז אינגאַנצן באַגאָסן מיט בלוט און האָט אין זיך אַזאַ שטאָלצע גבורה... אַ מאַרקזיצער דערזעט פּלוצלינג די צעטראָטענע געטער, צעוויינט זיך.

אַ מאַרקזיצער

אָן אומגליק! אוי ווײַ איז מיר! זעט, זיי האָבן, נאָכלויפנדיק רעוואָלוציע, אונזערע געטער צעטראָטן און צעבראָכן!...

די מאַרקזיצער לויפן צו איטלעכער צו זײַנע געטער, לאָזן ארויס אַ גרויס געוויין, וויינענדיק, רעדן זיי.

אײנער

באַטראַכט זײַן גאָט

אַ האַנט אויסגעבראָכן... אַ פוס הענגט נאָך...

אַ צװײטער

בײַ מײַנעם די גאַנצע נאָז צעפּלאַטשט... דאָס פּנים צעקוועטשט — אַ פּלעצל...

אַ דריטער

באַטראַכט זײַן גאָט

יעדער אבר איז צעבראָכן, אַפילו דער עק הענגט בײַ אים אויף אַ האָר...

אַ פערטער

בײַ מײַנעם אָפּגעבראָכן בײדע פיס, אַ האַלבער קאָפּ פעלט, דער כ׳בעט אײַך איבער...

אַ פינפטער

װײנט

אַזאַ אומגליק! אַזאַ אומגליק!

בלײַבן אַלע מיט געבױגענע קעפּ, װײסן נישט װאָס צו טון.

אײן מאַרקיזצער

נעמט זײַן גאָט אויף די פּלײצעס

נע, זיך װײטער דאַרפן טראָגן מיטן גאָט... כ׳האָב שוין קײן כּוח נישט!...

אַ צװײטער

מיר דאַרפן זיך נישט טראָגן מער מיט זײ... מירן זײ טאַקע דאָ איבערלאָזן, מען װעט זײ נישט צוכאַפּן... יענער דאָרט װײזט, װו אַלע זענען אװעק איז זײער גאָט איצט.

אַ דריטער

טאַקע אמת: קײן מצה-װאַסער זענען זײ נישט, מען װעט זײ נישט צוכאַפּן... און צו פאַרקױפן אויף בראָך, זענען זײ אויך גאָרנישט װערט. באַטראַכט זײַנע געטער שטײנער האַרטע... קאַלטע, האַרטע שטײנער.

אַ פערטע

מײַנער גראָד איז פון מעש,

איז יאָ עפּעס ווערט!
אָבער אים צו דערשלעפּן,
דאַרף מען האָבן כּוח פֿון אַ פֿערד...
באשליסט זיך

נאָט אייך אַ פֿוס, אייך אַ האַנט,
אייך אויגן — פֿיר!
דער בויך און ס׳איבעריקע
וועט זיין גענוג פֿאַר מיר...

צעטיילט די אויסגערעכנטע אברים, די מאַרקזיצער לאָזן איבער זייערע געטער, גייען טרויעריק אָפּ. רעדן גייענדיק.

א י י נ ע ר

וועט נאָך זיין אַ יאַריד אַמאָל?

אַ צ ו ו י י ט ע ר

ווער ווייסט?

אַ ד ר י ט ע ר

אָבער ווי עס מאַכט זיך, מיר זענען תּמיד גרייט?... הא?...

אַ ל ע

אַוודאי!... — — —

וואַרפֿן אַ לעצטן בליק, גייען טרויעריק אָפּ. דאָס מאָנאָטאָנע קול הערט זיך פֿון ווייט.

מ אָ נ אָ ט אָ ן ק ו ל

אאאאא!.!.

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט גלאַסן)

פערצנטע סצענע

איידער דער פֿאָרהאַנג הויבט זיך אויף, קומט אַרויס דער פּאָרפֿאָסער, גויגט זיך.

פּ א ר פ אַ ס ע ר

נו, ווי געפֿעלט אייך די שפּיל?...
דערציילט אַלעמען אין גאַס —
אַז שיין איז די שפּיל.

פאַרשאַפט פרייד און שפּאַס!

היסט זיך אויס

איך קאָן אייך זאָגן, אז דער מלאך
איז שוין אַהיימגעגאַנגען אָנזויגן ס׳קינד...
מיר דאַרפן אים שוין מער נישט
דאָ אַצינד...
אויך טייל מאַרקזיצער און אַ סך
פונם עולם —
אַפילו דער אָן דעם קאָפּ,
דעם גולם...
אלע זיך צעגאנגען;
ווער אַהיים, ווער אין שענק,
אַ סך שפילן אין קאָרטן
איצט, דאָרט אויף די בענק!

עס הערט זיך אַ קלינג, פארפאסער קוקט אַריין. הורך: אַ שמאַרץ מיט פאָרהאַנג.

פאַרפאַסער

אַלעס איז שוין צוגעגרייט,
זיצט אויף אייערע ערטער, —
ס׳גייען טאַנצן רוחות און שדים
אַרום די צעטרעטענע געטער!
יאָ... הם...
און נאָכדעם אין אַ
דערנער־קראַנץ,
וועלן די געטער אַליין
געבן זייער לעצטן — טאַנץ... — — —

פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, פאַרפאסער אנטלויפט. די סצענע שטעלט פאָר דעם זעלבן מארק־פּלאַץ, ווי די לעצטע סצענע. די געטער ליגן ווי פריער, צעוואָרפן דאָ און דאָרט. ס׳איז פינסטערלעך, פון פארשיידענע זייטן באווייזן זיך פאסן קאָלירטע ליכט. רוחות און שדים טאנצן אין אַ ראָד אַרום די געטער.

רוחות

אין אַ דערנער, דערנער־קראַנץ,
וועלן גיין באַלד אַ טאַנץ
די אָפּשטאַרבנדע געטער,
אָט די פֿאַלשע רעטער!...

וויקלען אַרום יעדן גאָט מיט אַ קראַנץ פֿון דערנער.

שדים

איצט וועט טייוול, אונזער האַר,
בלייבן שוין אויף אייביק שר,
הו—לאַ—לאַ, הו—לאַ—לאַ,
זינגט־זשע שטאַרקער:
טאַ—טאַ—טאַ!...

רוחות

נישט מער בראָטן,
נישט מער ברענען —
מע — ע!...
מע — ע!...

שדים

נישט גן־עדן,
נישט גיהנום:
בע — ע!...
בע — ע!...

רוחות און שדים

איצט וועט טייוול, אונזער האַר,
בלייבן שוין אויף אייביק שר,
הו—לאַ—לאַ, הו—לאַ—לאַ,
זינגט־זשע שטאַרקער:
טאַ—טאַ—טאַ!...

זיי טאַנצן און זינגען צוזאַמען. טייוול באַווייזט זיך פֿון דער הויך
דורך אַ שטאַרק ליכט, אַלץ ווערט שטיל.

טייוול

שטעכט אַריין זיי טיפֿער —

די שפּיצן פון די דערנער,
רייסט אַרונטער די הויט
פון די פאַלשע פּנימער!
מאַכט הענגענדיק — מערער,
זייערע הענגענדיקע גלידער, —
טאָמער פאַרגלוסט זיך איינעם
אויפלעבן ווידער!...
לאָזט זיי דאָ זיך דרייען,
ווי אין אַ ווירבל-ווינט!
זייער שעה פון אונטערגייען
האָט געשלאָגן אַצינד...

רוחות און שדים

היידל-בּיידל, הידל-העטער,
לאָמיר פייפן אויס די געטער:
פ-פ-פ-יש-ש-ש-ש-ט-ט-ש!...
פ-פ-פ-יש-ש-ש-ש-ט-ט-ש!...

קורצע פויזע. עס דערטראָגט זיך אַהער דאָס געזאַנג ווי פון ערשטן אַקט. טייוול, רוחות און שדים פאַרלאָזן דעם פּלאַץ מיט גרויס געלעכטער, אָפּ. דאָס געזאַנג דערנעענטערט זיך, „גרויסער גאָט, באַשאַפער פון די וועלטן...” און אַזוי ווייטער. הערט זיך אַלץ נענטער. די געטער קו־מען ביסלעכווייז צו זיך, הערן זיך איין מיט ווייטיק צו די שוואַכע טענער.

אַ גאָט

באַך קלינגט אין די אויערן
דאָס אַמאָליקע געזאַנג, —
ווי דאָס טוט באַנג...
ווי דאָס טוט באַנג...

הויבט אויף צטוואָס זיין קאָפּ און לאָזט אים צוריק אַרונטער.

צווייטער גאָט

מען האָט אונז צעטראָטן, מען האָט אונז צעבראָכן,
מען גלויבט אין אונז נישט מער!

וועלן מיר פאַרזינקען אין דער אייביקער שטילקייט,
אָדער וועט אונז דערלייזן, ווער ?...

אַ דריטער גאָט
שטעלט זיך אויף

אויף, אויף, הויבט אייך,
געטער-ברידער,
אפשר וועט איינעם
געלינגען ווידער
צו קריגן צוריק דעם שטאַנד !...

די געטער וואַקלען זיך, שטעלן זיך מיט מאטערניש אויף.

אַ גאָט

לאָמיר, ברידער, גיין אַ טאַנץ,
דעם טאַנץ פון פאַרגעסענע...
דעם טאַנץ פון צעטראָטענע...
דעם טאַנץ פון פארשטויסענע...
דאָס וועט הייסן:
דער לעצטער טאַנץ פון געטער — שטארבנדע !...

נעמען זיך אלע ארום אין א ראָד, טאנצן און זינגען דערביי

אַלע

אַמאָל, אַמאָל איז געווען אַ צייט.
אָ, ברידער, ז'איז שוין ווייט !
אַמאָל, אַמאָל, ערשט נישט לאַנג,
אָ, ברידער, ווי דאָס טוט באַנג !
אַמאָל, אַמאָל האָט מען געגלויבט,
מענטשן פלעגן על—קידוש—ה—שם,
מיט בטחון גיין צום טויט !

אַ גאָט

האלט צוריק דעם טאַנץ, שפּארט זיך אונטער מיט אַ שטעקן, זינגט.

צע—ב—ראָכן אַ האַנט,
צע—ב—בראָכן אַ פוס...
ל—לאָזט זיך מיין

ממש—שלה אויס ?...
פ—פ—פ—פ, ווי קאַלט,
ס׳דרעשטשען די ביינער,
וועט ווערן פון מיר —
אַ בארג בלויז שטיינער ?...

אַלע

אַמאָל, אַמאָל איז געווען אַ צייט,
אָ, ברידער, ז׳איז שוין ווייט!
אַמאָל, אַמאָל, ערשט נישט לאַנג,
אָ, ברידער, ווי טוט דאָס באַנג!

אַ צווייטער גאָט

שטעלט אָפּ דעם טאַנץ

וועלטן באשאַפן,
וועלטן אומגעבראַכט!
לאָזט זיך איצט שוין
אויס מיין מאכט?
ווו זענען יענע ליבע,
וואָס האָבן אין מיר געגלויבט?
ווו זענען יענע ליבע? —
אַלע איצטער טויט!...

אַלע

אַמאָל, אַמאָל....

און אזוי ווייטער

אַ דריטער גאָט

שטעלט אָפּ דעם טאַנץ, וואקלט זיך, רעדט:

קוים וואָס איך גיי אַרום...
מיינע פיס, דאַכט זיך,
פאַלן אום.
מיינע הענט—
צוויי שטיקער שטיין.
מיר דאַכט:

איך גיי איין...

פאלט ארויס פון טאנץ טויט

אַ גאָט

ציטערט

האָ... קאַלט...
איינער שוין אַוו—וועק...
ס׳נעמט מיך דורך אַ קעלט, —
אז מיר אלע וועלן אַוועק,
כ׳בעט אייך —
ווער וועט פירן די וועלט?...

אַ צווייטער גאָט

פירן די וועלט?
וועמען גייט עס אָפּ?...
מסתמא יענער דאָרט! —
דער אָן דעם קאָפּ...
מיך עגבערט מער אונזער צרה,
וואָס איז שטאַרק און גרויס!
וועמען ליגט איצט וועלט אין זינען,
ווען געטער שטארבן אויס?...

אלע זינגען און טאנצן: „אמאָל, אמאָל...״

אַ צווייטער גאָט

שטעלט אָפּ דעם טאנץ

אָט דאָס —
וואָס
מיך אַרט:

קלאפט זיך אין הארץ

איך!... איך!...
איר ווער —
פאר—ר—ר—ש—פּ—אַ—ר—טט...

פאלט ארויס פון טאנץ טויט.

אַ גאָט

אין שרעק

זאָל מען עפּעס טון,
זאָל מען עפּעס...

בייט זיין טאָן

אין אזא גערודער,
אין אזא געקאָך, —
קאָנען, חלילה, פיל
געטער שטאַרבן נאָך!...

אַ צווייטער גאָט

קוקט אויס ווי א דאָלאר

צעבראָכן, מילא צעבראָכן —
לאָמיר מאכן גאנץ!
מיר טאָרן זיך נישט אונטערגעבן,
לאָמיר ווייטער פירן דעם טאַנץ!

אַ דריטער גאָט

צעבראָכן, הם... צעבראָכן, —
מיר זענען ווייט פאַרקראָכן
מיט אונזערע וועגן!
פארוואָס האָט מען צוגעזאָגט
און קיינמאָל נישט געגעבן?...

קוקט בייז אויפן דאָלאר־גאָט

אַ גאָט

ס'וואָלט איצט געווען נישט שלעכט צו שלאָפן...
צו וואָס טאנץ איך אום אַ מידער?
לאָמיר אַלע זיך לייגן און שלאָפן,
ביז ס'וועט אריבער דאָס גערודער...

אַ צווייטער גאָט

שלעפּט צום טאנצן

שטארקט אייך, שטארקע, שווייגט, איר שוואכע,
שיט נישט אויף די ווונדן — זאלץ!
קוים איז שוין דער מוט פארלוירן,
איז שוין פארלוירן — אלץ!
מוטיק געטער, לאָמיר קעמפן;

מיט די שופרות אונזער געטלעכקייט
אויסשאלן,
לאָמיר שטיין אויף דער וואך, —
ביז דער לעצטער גאָט וועט פאלן!...

די געטער שטארקן זיך

געטער

— אמת!
— ריכטיק!
— מיר דארפן קעמפן!

די געטער בלאָזן מיט די שופרות, הויבן אָן טאנצן. עס הערט זיך ווייטער דאָס געזאנג, ווי אין גן־עדן.

געטער

מיר זענען נאָך אַלץ געטער! געטער! געטער!

מאָנאָטאָן קול

הערט זיך שוואך

א...!

געטער

מירן זיך נישט אונטערגעבן! מירן קעמפן! מיר לעבן נאָך! מיר זענען נאָך אַלץ געטער! געטער! געטער!... — — —

טייוול באווייזט זיך.

טייוול

לאַכט

עס זשאַרעט נאָך אַלץ ס'פייער אין די אָפּשטאַרבנדע געטער,
קאָן דען אויפלעבן דער, וואָס איז טויט?...
זיי האָפן און וואַרטן נאָך אַלץ אויף אַ רעטער,
קאָן אַ סקעלעט קריגן צוריק הויט?...
וואָס געשען איז געשען,
אָפּגעקילט זיך, איז מען קאַלט!
נאָך אַ זומער — קומט אַ ווינטער,
נאָך יוגנט — אלט...

געטער

בלאָזן מיט די שופרות

מיר לעבן נאָך! מיר לעבן נאָך! שרייען העכער. מענטשן, קערט זיך ווידער צו אייערע געטער! מיר לעבן נאָך!

ט י י וו ל

צו זיך

דאָס געמויזעכץ האָט אויפגעברויזט,
די פאַרפוילטע אַלטע געטער
האָבן ווידער אויפגעוואַכט,
מיינען — ס'איז אַלץ נאָך נאַכט...

גיט אַ פּאָכע מיטן פלאַשטש און עס ווערט טאָג.

ט י י וו ל

צו די געטער

ס'איז טאָג! טאָג! טאָג!
ליכטיק! ליכטיק! ליכטיק!
אַלע וועלן איצט זען
אייער נאַקעטקייט,
אייער אומבאַהאָלפנקייט,
אייער צעבראָכנקייט,
אייער שאַנדע!...

פינפצנטע סצענע

אין דער צייט, ווען דער טייוול רעדט די לעצטע ווערטער, ווערט צוריק אויפגעלעבט דער יאַריד, די מאַרקזיצער קומען צוריק צו לויפן און שטעלן אויס די געטער, און ווי פריער באָטן זיי אָן זייער סחורה.

ע ר ש ט ע ר מ אַ ר ק ז י צ ע ר

כאַפּט אָן אַ פאַרבייגייער

קויפט אייך אַ גאָט, מענטש! גייט נישט אום אָן אַ גאָט, זעט, ביליק, אַ פעניג אַ גאָט!...

פ אַ ר ב י י ג י י ע ר

צעלאַכט זיך

כאַ, כאַ, כאַ! ווי קאָמיש! ווייזט אָן אויף די געטער. זעט איר באָך אַלץ נישט, ווי אייערע געטער זעען אויס?...

אַ צווייטער פאַרבייגייער

פריער נעמט און פאַרדעקט דעם די שאַנד,
דעם פאַרריכט פריער די האַנט...
אַט דעם די נאָז און דעם די פיס,
כע־כע, זיי זענען אַלע ביי אייך — איינגעריסט !...

שמעקט אַרויס אַ צונג, אָפּ.

ערשטער מאַרקזיצער

פו זאָלסטו ווערן, דו פאַסקודנער, נישט גלויביקער !

צווייטער מאַרקזיצער

ציט איינעם ביים אַרבל

קויפט אייך אַ גאָט, מענטש ! אַ מענטש מוז האָבן אַ גאָט,
גאָט, נעמט, ביליק, אַ צווייער, אַ צווייער אַ גאָט ! שלעפט אַן
אַנדערן פאַרבייגייער. אַ צווייער בלויז !...

פאַרבייגייער

מאַכט ביים אַוועק מיט דער האַנט

איירע געטער זענען שוין צופיל אָנגעמאַכט, ווייזט אַן אויף אַלע
טישלעך. צו פיל, זיי פילן זיך שוין !... גיט אַ לאַנגן שפיי, כאַפּט זיך
פאַר דער נאָז. אַ געשטאַנק !...

צווייטער מאַרקזיצער

שרייט אים נאָך

ברעך די פיס !

פאַרבייגייער

כאַפּט אַ שטיין

דו פאַרשיווער אָפּטריט־הענדלער !... לאָזט זיך צו אים, פאַרטשעפּעט
זיך און פאַלט. הייבט זיך אויף. שטויבט זיך אָפּ. דיין מערכה, וואָס
כ׳האָב זיך פאַרטשעפּעט און געפאַלן...

צווייטער מאַרקזיצער

שרייט הויך

ס׳איז ליגנט, דו האָסט זיך נישט פאַרטשעפּעט, נאָר מיין גאָט, פון
וועלכן, דו נישט גלויביקער, האָסט געשפּעט, האָט דיך פאַרשאָלטן !...

דער וואָס איז געפאַלן

ס'אַ ליגנט, דו היפּאָקריט. איך האָב זיך פּאַרקוקט און אויסגעגליטשט. נאַ זע! ער בייגט זיך איין, הויבט אויף אַ שאָלעכטס פון אַ „באַנאַנע" און ווארפט דאָס אים צו. זע, פון וואָס איך בין געפאַלן און וואַרג זיך מיט דיין גאָט צוזאַמען.

אָפּ. צוויי פון עולם רעדן צווישן זיך.

איינער

מ'קאָן גאָרנישט וויסן... ס'קאָן טאַקע געמאָלט זיין, אַז זיין גאָט זאָל דאָס האָבן יענעם פאַרשאָלטן... ס'קאָן געמאָלט זיין... אַבּיסל אַ גלויביקער בין איך נאָך... אפשר ?...

פרומקייט און גלויבן שוועבן דורך, קוים וואָס מען זעט זיי.

צווייטער

איך גלויב... לאָמיר טאַקע צוגיין און קויפן זיין גאָט... אפשר איז עס טאַקע דער ?... אפשר ?...

גייען צו און דינגען זיך מיטן מארקזיצער, קויפן נישט. גייען אָפּ, רעדנדיק.

די צוויי

מירן קומען שפּעטער, ווען דער יאַריד וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר זיי קויפן פאַר שפּאָט ביליק...

גייען אָפּ. אַ מאַן מיט אַ לאַנגער נאָז באַווייזט זיך, די מארקזיצער רינגלען אים ארום, רעדן אין אים אריין.

אַ מאַרקזיצער

קויפט אייך איין אַ גאָט!... קוקט אָן אַ גאָט!... נו, ס'שוין איין מאָל אַ גאָט, האַ? קויפט אייך איינעם, ביליק, אינגאַנצן איין פּרוטה...

אַ צווייטער מאַרקזיצער

טשינג—אָ—לי—כא... טשינג—אָ—לי—כא... ביליק!...

אַ דריטער מאַרקזיצער

מיינער איז דער אמתער גאָט, קויפט מיינעם... און ביליקער קאָן מען שוין נישט, ווייזט מיטן פינגער איין זלאָטע!...

דער מיט דער לאַנגער נאָז שטייט ווי צעמישט, אַ פארבייגייער מישט זיך אריין.

פֿאַרבײַגײַער

ווייזט אים דעם נײַעם גאָט, ווייזט אים: „רעוואָלוציע”, אויף דעם גאָט וואָלט איך אַליין אויך געווען אַ בעלן... *גיט אַ חונק צו די מאַרקיזיצער.* נו, יאַטן!... *גייט אָפּ.*

מאַן מיט דער לאַנגער נאָז

רײַסט זיך אויס פֿון די מאַרקיזיצער

וווּ בין איך?...
בין איך אויפֿן עולם־התוהו,
צי בין איך אויפֿן הימל?
ס'עפּעס דאָ אַזאַ געטומל,—
דאָס פּאַסט גאָרנישט פֿאַר אַ הימל!...

שטעקט אַרויס מיט דער נאָז, שטעלט אָפּ אַ פֿאַרבײַגײַער און פֿרעגט.

וווּ בין איך?!...

פֿאַרבײַגײַער

אויפֿן הימל!

פֿאַרשווינדט.

מאַן מיט דער לאַנגער נאָז

אויפֿן הימל... *פֿאַרטראַכט זיך.* אויפֿן הימל... אויפֿן... הם...

שטעלט אָפּ אַ צווייטן און פֿרעגט

וואָס איז עפּעס דאָ אַזאַ געטומל?!

פֿאַרבײַגײַער

עס איז הײַנט אַ יאַריד אויפֿן הימל!...

פֿאַרשווינדט.

מאַן מיט דער לאַנגער נאָז

פֿאַרקנײַטשט זײַן שטערן, קאָן נישט באַגרײַפֿן

אַ יאַריד... אויפֿן... הימל?... — הייסט עס... הייסט עס, אַז דאָס איז דאָס... אַז... *פּויזע. פּלוצלינג.* מענטשן! מענטשן! קומט אַהער, איך וועל אײַך אויסזאָגן אַזוינס, וואָס איר ווייסט נאָך נישט און איר גאַרט צו וויסן! *דער עולם זאַמלט זיך אַרום אים, ער שרײַט העכער.* הערט אײַך אַלע צו מיט קאָפּ צו דעם, וואָס איך וויל אײַך דאָ אויסזאָגן!

פון עולם

— נו זאָגט שוין!

— נו רעדט!

— זאָל זיין שטיל!

— טשיכאָ פשאַקרעוו!

— שאראפ!

דער עולם ווערט גרעסער און גרעסער. פארפאסער קומט צו לויפן.

פאַרפאַסער

שרייט

הערט אייך נישט צו, וואָס ער גייט אייך זאָגן! ער ווייסט נישט, וואָס ער רעדט!

מאַן מיט דער לאַנגער נאָז

העכער און שטארקער

איך ווייס שוין גאָר וואָס איך רעד! איר וועט באַלד הערן! איך גיי אייך איצט זאָגן דאָס לעצטע וואָרט, אָט דאָס וואָרט, אויף וועלכן די גאַנצע מענטשהייט וואַרט מיט אַזאַ אומגעדולדי־קייט שוין צו הערן! איך וועל אייך איצט זאָגן, אַז... — — —

פאַרפאַסער

גיט א פייף

הע, דאָרט! לאָז שנעל אַרונטער דעם פאָרהאַנג! שנעל!... צום מאן מיט דער לאנגער נאָז. איך הייס אייך גאָרנישט דערציילן!... ווער בעט אייך זיך צו מישן אין מיין פיעסע! איך האָב אייך אַהער נישט ארייגעשטעלט! צום עולם ער ווייסט נישט, וואָס ער רעדט!

מאַן מיט דער לאַנגער נאָז

איך ווייס שוין גאָר וואָס איך רעד! ער איז אויך ווי די אַלע שרייבער, וואָס וויל פאַר אייך אַלץ פאַרגלעטן, פאַרהענגען מיט אַ שווארצן פלאַשטש די צוקונפט. ער איז אויך נישט גע־קומען צו אייך און אייך געגעבן דאָס לעצטע וואָרט, ער ווייסט דאָס נישט, ער איז, ווי זיי, אַ פאַלשער גאָט! איך וועל דאָס אייך זאָגן!

דער פאָרהאנג הויבט אָן פאלן, דער מאן מיט דער לאנגער נאָז און דער

גאנצער עולם, לויפן צו צום פאָרהאנג און בעטן. לאָזט נישט אַרונטער !...
נאָך אַ מינוט ! מיר ווילן הערן דאָס לעצטע וואָרט !

דער פּארפאסער לויפט אריבער די פאָדערשטע זייט פון פאָרהאנג, שרייט.

פּארפאסער

לאָז אַרונטער דעם פאָרהאַנג ! שנעל ! קאלעקע !

פאָרהאנג פאלט. עס דערטראָגט זיך אַ שווערער זיפץ פון אונטער

פאָרהאנג : „הא—א—א !...״

פּארפאסער

בויגט זיך, ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן.

הערן און דאַמען —
איר האָט אַלע געזען דעם מאַן נאָר וואָס,
וואָס האָט מיט דער לאנגער נאָז.
ער איז אַ נביא, אַ שטאַרקער וועקער,
שטופּט אומעטום אַריין זיין שמעקער...
ער האָט געוואָלט זאָגן דאָס לעצטע וואָרט,
ווייס איך נישט, צי ס׳איז פּאַסיק דאָ ס׳אָרט...
און ווער ווייסט, וואָס אים קאָן איינפאַלן זאָגן.
און צווייטנס —
איך קאָן דאָך נישט האַלטן דעם עולם, —
ביז ס׳וועט טאָגן...

ביים דעם טאָן

צוריק געשמועסט, קאָן איך אייך
די ענדע היינט נישט געבן ;
דאָס, וואָס איר האָט געזען,
איז דאָך נישט מער, —
ווי אַ בילד פון אונזער — לעבן...
וועט איר,
שפּעטער ;
אויב די „געטער״ וועלן אויפלעבן,
אָדער —

אויב „רעוואָ" וועט טאַקע בלייבן,
דעמאָלט וועל איך אין אַ בוך
אויפסניי אייך אַלץ באַשרייבן!...
דערווייל האָט אַלע אַ גוטע נאַכט...
און פאַרגעסט נישט:
טוט פון דער שפיל אַ טראַכט!...

נייגט זיך, פאַרשווינדט.

עפּילאָג

פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, ס'איז פינסטער. דער נעפּל צעגייט זיך און עס באַווייזט זיך דאָס ערשטע בילד, ווי אין פּראָלאָג. דער דיכטער זיצט ביים טיש, די האָר זענען ביי אים צעשויבערט, ער שרייבט און רעדט די לעצטע ווערטער.

ד י כ ט ע ר

„... און פאַרגעסט נישט:
טוט פון דער שפּיל אַ טראַכט!...״

דיכטער סאַפּעט שווער אָפּ. די שנור פאַלט אַרונטער פונם „געדאַנק״, דער „געדאַנק״ בלייבט שטיין נאַקעט. דער „געדאַנק״ פאַרשטעלט זיך מיט די הענט געוויסע טיילן פון קערפּער.

ג ע ד אַ נ ק

איך שעם מיך, דיכטער. דו האָסט מיך אויפגעדעקט און די מענטשן קוקן מיט גרויסע אויגן אויף מיין נאַקעטקייט!

ד י כ ט ע ר

דאָס איז גאָרנישט... זיי וועלן זיך צוגעוווינען... פאַררויכערט. דער אמת איז שטענדיק נאַקעט...

פאָרהאַנג.

ווען די זון פאַרגייט

(אַ דראַמאַטיש בילד אין 1 אַקט)

פון

איטשע וו. בידערמאַן

Copyright 1929
by
I. W. Biderman
New-york, N. Y.

נעמען פון אָנטיילנעמער:

זי)
) גייסטיק קראַנקע
ער)

ערשטער וועכטער

צווייטער וועכטער

ערשטער אַקט

די סצענע: אַ גאָרטן, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכער וואַנט. פון אַ זייט איבער יענער זייט וואַנט זעט זיך אַ וואַסער. אויף אַ באַנק, וואָס שטייט אויף אַ בערגל קעגנאיבער דעם פֿאָרהאַנג, זיצט „זי“. „זי“ איז אָנגעטון אין אַ לאַנג ווייס קלייד, מיט אַ גאַרטל אַרומגעבונדן. די האָר זענען ביי איר צעלאָזט. „זי“ טראָגט אַ קראַנץ פון פֿאַרוועלקטע בלעטער אויפן קאָפּ. „ער“ האָט אַ שעקספּיריש־ריטערישן אויסזען. גייט אָנגעטון לייכט, ווייסע לייוונטענע הויזן, אַ ווייס העמד מיט אַ ברייטן קאָלנער, טראָגט אויף דעם אַקסל נאָכגעהאָנגען אַ לייכטן שלאַפֿראָק. ער זיצט אויפן גראָז, האַלט זיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט — האַלב אויף דער באַנק און האַלב אויף אירע קניען. זיין הוט און איר שירעם ליגן דערלעבן.

ע ר

שיינע מיינע, ליבע מיינע —

נלעט אירע קני.

דו ביסט מיין באַשאַפער, מיין גאָט...

ז י

טאַ—קע ?...

ע ר

יאָ. איך בין דיין שקלאַף, דיין הויף־נאַר...

ז י

מיין שקלאַף ? מיין הויף־נאַר...

וואונדערט זיך.

ע ר

יאָ. דו ביסט די שענסטע פון פרויען... דיך האָב איך

מיין האַרץ פאַר אַ קרבן געגעבן. אָפּעליע דו מיין, אָפּעליע...

זי

גלעט זיינע האָר

ווי גוט דו ביסט, מיין טייערער אַפּאָלאָ... בויגט זיך ארונטער און דריקט זיין קאָפּ. איך ליב נאָר דיך אַליין — דערפאַר. נאָר...

ער

אונטערטעניק

איך ווייס עס. דערפאַר איז דיין פרייד — מיין פרייד. דיינע ליידן — מיינע ליידן, אונזערע ליידן... אָ, ווי איך ליב דיך, סאַלאָמעאַ!

שטרעקט אויס די הענט צו איר.

זי

גיט א ציטער

אופ—פּ—פּ—ף.

ער

נעמט פון זיך ארונטער דעם ראָק

ליבע, קוקט זיך ארום עס לויפט אַ ווינטל אַנזאָגן, אַז די נאַכט קומט אָן... עס לויפט אַ ווינטל... עס... ליבלעך ראָזאַליע, איז דיר שטאַרק קאַלט? — — —

זי

הערט נישט. קוקט ערגעץ ווייט

אונזער קינד... מורמלט. ק—י—נ—דד... בלייבט מיט פארשטארטע אויגן.

ער

פארטראכט

קאָנסט זיך חלילה צוקילן און קראַנק ווערן. נא, טו אָן. טו אָן מיין ראָק. נו? אַנישט קום צוריק אין שטוב אַריין.

וויל זיך אויפהויבן.

זי

ביין, ביין כאפט דעם אָטעם איך מוז דאָ זיצן... איך מוז דאָ וואַרטן...

בלייבט פארשטארט. ער זעצט זיך צוריק אין דער פריערדיקער פּאָזע. שפּארט אָן זיין קאָפּ אויף אירע קני.

ער

געוויס. מיר וועלן וואַרטן... אַוודאי..! אָ, גאָט... ווי שיין זי איז...

זי

ווי קאָנען מיר אַוועקגיין? מיט שרעק זעסטו דען נישט, ווייזט אויפן הימל ווי די „זון" — אונזער קינד, לאָזט זיך אַרונטער צום וואַסער? ציטערט איך האָב מורא...

ער

גיט א מאך מיט זיין האנט

דאָס איז גאָרנישט... דאָס וויל זי מסתמא באָדן זיך... נו, עס איז זייער אַ הייסער טאָג געווען היינט...

זי

גיט צו

אמת. געווען זייער אַ הייסער טאָג היינט. מיינסט, אַז איך האָב גאָרנישט געליטן היינט, צוזעענדיק, ווי טראָפּנס שוויס רינען פון אונזער קינדס פּנים אָן אַן אויפהער און איך קאָן איר אַפילו דעם שטערן נישט אָפּווישן...

ער

אַז זי וויינט אַזוי הויך פון אונז...

זי

זי האָט אַ גוט האַרץ און שטענדיק אַ שיינענדיק פּנים. איך האָב זי אַזוי ליב דערפאַר... באַלד מיט שרעק אָבער זע, ווי זי לאָזט זיך אַרונטער צום וואַסער, אָט וועט זי זיך באַלד איינ- נעצן, איך האָב מורא, קינד...

ער

האָב נישט מורא, טייערע. דאָס וואַסער מוז זיין איר בעט... און דאָרטן ליגט זי אַוודאי... זאָגט איר עפּעס אויפן אויער. יאָ, יאָ... מען קאָן גאָרנישט וויסן...

זי

עס קאָן נישט זיין... זי וואָלט מיר דאָס דערציילט... לאַכט. קוקט אויף אים, פאַרגעסט זיך. האָסט מיך עפּעס שטאַרק ליב... וואָס בין איך דיינס?...

ער

ווי דאָס לעבן האָב איך דיך ליב, און דו ביסט דאָך די פרוי, מיין באַשאַפער, מיין גאָט, צוליב דיר טו איך דאָך אַלץ אויף דער וועלט... זי גלעט זיינע האָר, ער ווערט אומרויק איך בין דיין שקלאַף... דיין הויף־נאַר...

זי

מיין שקלאַף, זאָגסטו?... מיין הויף־נאַר... און אַז עס וועט קומען ד'ער טאָג, אַז איך וועל צעבראָכן ווערן, וועסטו אויך זיין מיין שקלאַף, מיין הויף־נאַר...

ער

אימער. איך וועל גיין פאַר דיר אין פייער און אין וואַסער. מיין לעבן וועל איך פאַר דיר אָפּגעבן. פאַר דיר, פאַר דיין ליבע.

זי

קושט אים ווילד

גיב איך דיר דען ווייניק ליבע?

פאַלט מיד.

ער

פארחלומט

מיין גליק... באַשאַפער... באַשאַ —

זי

דערמאָנט זיך

זע, זי גייט זיך טאַקע באָדן... זי... אָ... מיין... ווערט רויקער גוט, וואָס מיר האָבן געוואַרט, מיר וועלן שוין צווואַרטן, ביז זי וועט זיך אָפּבאָדן, וועל איך איר דיין ראָק אָנטון... איך האָב מורא, זי וועט זיך חלילה צוקילן. דאָס וואַסער איז קאַלט, ווען אין דרויסן איז אַזוי הייס... — — —

ער

דערלאַנגט איר זיין ראָק

נאַ. טו אים דערווייל אָן און וואַרעם אים אויס מיט דיין הייס לייב.

זי

וויקלט זיך איין אין ראָק, טוליעט זיך צו אים

ווען איך וואָלט קאָנען צו אונזער קינד דערגרייכן, ווען אונזער קינד וואָלט נישט זיין אַזוי הויך פון אונז, וואָלט איך אים אין מיינע אָרעמס גענומען, וואָלט איך אים אַזוי געזאָגט: „מיין ליב קינד, שטיי אימער הויך, לאָז דיך קיינמאָל נישט אַריין אין די פאַרפירערישע אָרעמס פונם וואַסער, דו קאָנסט קיינמאָל נישט וויסן, ווי טיף זיין האַרץ איז און ווי ברויזנד זיינע כוואַליעס זענען... קורצע פויזע. עס באפאלט זי א מורא. זעסט, ווי פינסטער עס ווערט? טוליעט זיך צו אים איך האָב אַזוי מורא...

ער

זאָל דיך נישט אַרן די פינסטערניש, איך וועל דעם וועכטער זען, אים פרעגן, ווי אַזוי ער מאַכט עס... אָן... רעדט, ווי עס וואָלט געווען א סוד ביי מיר אין שלאָס איז טייל‌מאָל פינסטער, ווי אַ געדיכטע סמאָלע... אָבער דער שורקע, דער וועכטער, דער באַדינער מיינער, מאַכט עס אַזוי געשיקט, אַזוי שנעל: „אָקוס־פּאָקוס און קאָקוס“ און עס ווערט באַלד ליכטיק... איך וויל אים פרעגן, ווי אַזוי ער מאַכט דאָס שטילער איך וועל עס דיר דערציילן... אָ. הם... עס וועט מיר שווער אָנקומען דאָס פון אים אַרויסצובאַקומען. קיקט זיך ארום, ווי ער וואָלט זיך היטן ער איז אַזאַ משוגענער... אַזאַ... כיכי... יאָ...

זי

עס איז שווער צו קריגן אַ רעכטן באַדינער היינט... מיינער אויך אַזוי. אויך עפעס אַ משוגענער, ווייסט אויך, ווי אַזוי צו מאַכן ליכטיק און וויל מיר נישט אויסזאָגן. איך שעם זיך איצטער פאַר מיר אַליין. גאָרנישט, ווי עס פאַסט פאַר אַ קעניגין, די מוטער פון דער זון. איך האָב אים דאָס פנים צעגראַבלט דערפאַר.

ער

כיכי... הם... יאָ, יאָ... זייער שווער היינטיקע צייטן אויסצוקומען מיט דער דינערשאַפט. זיי זענען די באַלעבאַטים און מיר מוזן טייל‌מאָל נאָך נאָכגיין זייערע משוגענע איינפאַלן... פארטראכט זיך מיט אַ צייט צוריק איז עס געווען. פאַראַכטאָגן אָדער נעכטן, איך געדענק נישט גענוי... עס איז געווען בייטאָג און באַלד איז געוואָרן ביינאַכט און פינסטער. איך בין געזעסן אין מיין

שלאָס איינער אַליין, די דינערשאַפט זענען זיך צעגאַנגען און ליגנדיק אויף מיין רוקן און קלערנדיק, ווי אַזוי לייזט מען אויס די וועלט פון די משוגענע מענטשן, האָב איך דערהערט, ווי דו האָסט געזונגען.

זינגט:

דרום, צפון,
מזרח, מערב —
ווו איז אַהינגעקומען ?...
ווו אַהין איז מיין קינד פאַרשוואונדן ?...

רעדט באלד:

איך האָב דערפילט אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן, עמעצער האָט מיין האַרץ געדריקט און פון מיינע אויגן אַרויסגעקוועטשט טרערן... כעכע... איך האָב געוואָלט לויפן צו דיר, איז די טיר געווען פאַרשלאָסן, פון דער צווייטער זייט אַפנים, ער האָט זיך אָנגעשיכּורט, דער באַדינער מיינער און נישט געוויסט, וואָס ער טוט... אַזאַ משוגענער... זיגעריש דעם אַנדערן טאָג האָב איך אים ווי אַ ווייניקן עפּל צעגריזשעט.

זי:

איך הויב טאַקע אָן צו געדענקען... עס האָט געמוזט זיין נעכטן, ווייל עס איז שוין זייער אַ לאַנגע צייט אַוועק... אונזער קינד, די שיינענדיקע „זון”, האָט זיך מיט אַמאָל אַ וואָרף אַריין געטון אין וואַסער און פאַרשוואונדן, האָב איך אָנגעהויבן שרייען: שרייט ראַטעוועט! ראַטעוועט! אָבער קיינער איז נישט געקומען צו העלפן... די דינערשאַפט איז ווי אויסגעשטאָרבן. איך האָב זיי געסטראַשעט, די משוגעים, געוויינט און זיך געבעטן און זיי האָבן מיך נישט געהערט, האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט לעבן פענסטער און געזונגען איינצושלעפערן אונזער קינד.

זינגט. ער העלפט מיט.

דרום, צפון, צפון, דרום,
צפון, דרום, דרום, צפון...

מזרח, מערב, מערב, מזרח,
מערב, מזרח, מזרח, מערב...

שטורמען ווינטן, ווינטן שטורמען,
ווינטן שטורמען, שטורמען ווינטן...
ציטערט דער הימל, ציטערט די ערד,
ציטערט די ערד, ציטערט דער הימל.

זי

איך האָב דענסמאָל געוואַרט ביז מאָרגן אינדערפרי, און ווידער איז אונזער קינד אַרויף אויפן הימל.

די זון זעצט זיך אַלץ נידעריקער. א גאָלדענער הימל שפיגלט זיך אין וואסער. עס דערטראָגט זיך פון ווייט דאָס רופן פון וועכטער: „הו־הו...״ „הו־הו...״ ביידע גיבן זיך א וואָרף, הערן זיך איין מיט שרעק.

ער

לאָמיר גיין, מען רופט אונז.

זי

ניין, ניין. מיר דאַרפן דאָך היטן אונזער קינד... מיט פאָרוואורף. אַ שיינער טאַטע ביסטו.

ער

זיי וועלן זיין בייז.

דאָס רופן קומט נענטער, זי גלעט און קושט אים.

זי

גיי נישט אַוועק, ליבער... איך דאַרף דיך... פארדעקט אים מיט א מאנטל, זינגט א מעלאָדיע. דאָס רופן הערט זיך פון ווייטנס. איך דיך אויך... איך דאַרף דיך אַזוי!...

ער

אַ... אַ... ביסט מיין גאָט... מיין הערשער... אַ... אַ...

גראָבט זיך איין אין איר.

זי

זיי וועלן דיך נישט צונעמען פון מיר, מיין ראָמעאָ... לאָמיר

אימער זיין צוזאַמען... אַ מיינער... מיינער... מאַן מיינער...
קושט אים.

ער

אין עקסטאז

קיינמאָל נישט וועלן זיי מיך פון דיר צונעמען... איך וועל זיי נישט לאָזן... און אויב זיי וועלן דאָך מיך אַוועקשלעפּן פון דיר און מיך בינדן, וועל איך די קייטן צערייסן און צו דיר קומען צו לויפן. גלעט זי איך מוז זיין נאָענט צו דיר, טייערע...

זי

און די רייד

יאָ־יאָ, דו גנבע זיך אימער אַוועק און קום צו מיר... אומארמען זיך. פּאַוזע. די „זון" ווערט אינגאנצן איינגעשלונגען פונם וואסער. זי דערזעט דאָס, שפּרינגט אויף. מיין קינד, מיין ליכטיק קינד.

ער

וויל זי אומארמען

דאָס קינד... צו זיך. וואָסער קינד?... צו איר. וועלכעס קינד? וועמענס קינד?... — — —

זי

ביין

אונזער קינד. זעסט נישט, דאָס וואָסער האָט עס איינגעשלונגען? וויינט איך האָב מורא, איך האָב מורא!...
דרייט זיך צעמישט. ווייסט נישט, וואָס צו טון. ציט אים, רייסט זיך דאָס מויל

ער

גלאָצט

ששש... ווייסט וואָס? מירן האַלטן גרייט דעם ראָק און ווי נאָר זי קומט ארויס, וועלן מיר דאָס אויף איר אַרויפוואַרפן און זי אַהיימנעמען... כי־כי... אַהיים —
עס הערט זיך ווידער דאָס רופן פון וועכטער: „הו־הו..." „הו־הו..." ביידע ווערן אומרויק. הערן זיך צו. ציטערן. זיי נעמען זיך שטיף ארום.
עס באווייזט זיך די לבנה.

זי

ווילד

אַ... אַן אַנדערע האָבן זיי אַרויסגעשיקט. וואסערן, וואַסערן, וואָס האָט איר געטון מיט מיין קינד ?!...

זי רייסט זיך ווילד. ער האלט זי אין זיינע אָרעמס.

ער

שאַ, שאַ, שאַ... סאַמוטדיגע, קעניגין מיינע... אַנטלויף נישט פון מיר...

קושט זי. זי רייסט זיך אויס פון זיינע הענט, לויפט און שלעפט זי מיט. דאָס רופן פון וועכטער הערט זיך נענטער.

זי

קום... קום...

ער

וואוהין ?

זי

אין וואַסער אַריין. אין וואַסער אַריין. ראַטעוועט אונזער טאָכטער...

דאָס רופן פון וועכטער הערט זיך. ער בלייבט שטיין.

ער

מען רופט מיך...

ווייזט אָן פון וואנען עס קומען די שטימען.

זי

בייז

אַהאָ. דיך ציט אין פינסטערן שלאָס, ווו דיינע באַדינער זענען דיינע הערן ?... און אונזער קינד ? וואָס וועט זיין פון אונזער קינד ?...

דאָס רופן הערט זיך נענטער.

ער

שוואכער

מען—רופט—דאָך—מיך.

זי רייסט פון זיך ארונטער דעם אויבערשטן טייל פון קלייד. בלייבט שטיין מיט אנטפלעקטע אָרעמס.

זי

גיי, דו פייגעלינג, דו שוואַלבינג. דו ליבסט מיך און האָסט מורא אײַנצוגיסן דײַנע פיס אין קאַלט וואַסער פאַר מיר? דו ליבער, דו... דו... ביסט אפשר אויך, ווי אַלע מענטשן: אַ משוגענער!...

זי לאָזט זיך לויפן צום וואַסער.

ער

וואַרט, איך בין דײַן שקלאַף, דײַן הויף־נאַר, דײַן... דײַן...

לויפט. כאַפּט זי.

זי

מאַן!... ביסט נישט בעסער פאַר אַלע אַנדערע...

ווילן פאַרדעקן איר לײַב. פּאַוזע. דעקט זיך מער אויף. נעמט אים אָן בײַ דער האַנט, לויפט מיט אים. קומען צו צו דער וואַנט און קריכן מיט גרויס מאַטערניש אַרויף. עס הערט זיך ווידער דאָס רופן, שוין גאַנץ נאָענט: „הו־הו...” „הו־הו...” ער און זי הערן זיך אײַן און ענטפערן מיט אַ ווילד געלעכטער: „האַ, האַ, האַ־הו־ו!...” „האַ, האַ, האַ הו־הו־ו־ו...” נעמען זיך בײַ די הענט און שפּרינגען אין וואַסער. דאָס וואַסער ווערט אויף אַ רגע צעבראָכן. פּאַוזע. ווידער ווערט דאָס וואַסער גאַנץ און באַלויכטן פון דער לבנה. עס איז שטיל. עס הערט זיך אַ ווײַטער פויגל־געזאַנג און אַ „קו־קו”. צוויי וועכטער דערשײַנען.

ערשטער וועכטער

מירן שוין האָבן אַ פינסטערן סוף...

צווייטער וועכטער

דאָס ווײַב ליגט קראַנק, נישטאָ ווער ס'זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער, בין איך אַהיימגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע...

ערשטער וועכטער

און מיר האָט דער טײַוול צוגעשיקט: ליאַנאָראַן.

צווייטער וועכטער

עס איז זייער שלעכט. בויגט זיך אײַן, געפינט זײַן ראָק. אָט איז זײַן ראָק. מוזן דאָ ערגעץ זײַן... און אָט איז אַ שטיק פון איר קלייד. גאָט, וואָס האָבן זיי דאָ געטון?...

ערשטער וועכטער

אפשר זיך דערטרונקען?

צווייטער וועכטער

קאָן מעגלעך זיין.

לויפט אין פארשידענע זייטן, זוכן, רופן: „הו־הו...“ אָט איז די זון...
„הו־הו... גאט אייך די זון...“ פּאָזע. קומען צוריק.

ערשטער וועכטער

ווי אין וואַסער אַריין. שלעכט.

צווייטער וועכטער

איינגאנצן אונזער שולד איז עס נישט. „פּראָפעסאָר“ האָט גע-הייסן זיי לאָזן צוזאַמען, זיי היטן און זען, וואָס זיי וועלן טון.

פּאָזע. פארטראַכטן זיך.

ערשטער וועכטער

דער איינציקער וועג, הם... דער איינציקער וועג איז, אַז —

צווייטער וועכטער

איז וואָס?

ערשטער וועכטער

איך קאָן נישט פאַרלירן מיין שטעלע... אַ קראַנק ווייב מיט פיר פיצעלעך קינדער.

צווייטער וועכטער

און מיר האָבן היינט באשלאָסן חתונה צו האָבן... וואָס וועלן מיר אויסוואַרטן?...

ערשטער וועכטער

מיר קאָנען ביידע, מיין פריינט, נישט פאַרלירן אונזערע שטע-לעס. הם... פריינט... דער איינציקער פּלאַן...

צווייטער וועכטער

איז וואָס?!...

ערשטער וועכטער

מיר וועלן זיך דארפן צערייסן די קליידער און איינער דעם צווייטן אַביסל צעשלאָגן... און —

צווייטער וועכטער

אין די רייד

און זאָגן, אַז זיי האָבן דאָס אונז געטון און אַנטלאָפן?

ערשטער וועכטער

שאָקלט מיטן קאָפּ

יאָ...

צווייטער וועכטער

דאָס איז דער איינציקער וועג.

ביידע הייבן אָן צערייסן זייערע קליידער. נעמען זיך שלאָגן. „ער" איינגאַנצן אַ נאַסער, שפּרינגט אַראָפּ פון וואַנט, דערזעט, ווי די וועכטער שלאָגן זיך, באַהאַלט ער זיך אין אַ זייט. ביידע וועכטער צעבלוטיקטע באַטראַכטן זיך, רייסן איינער אויפן צווייטן נאָך מער אָפּ די קליידער.

ערשטער וועכטער

פאַרסאַפּעט

איך מיין... אַז... מ'עט—אונז... איצט—גלויבן...

צווייטער וועכטער

איך מיין... אויך... אזוי...

ערשטער וועכטער

ען, דאָס בידנע, שטיקל ברויט...

צווייטער וועכטער

צום טייוול מיט אַלץ.

ביידע אָפּ.

ער

קוקט זיי נאָך

משוגענע... פּויזע. וואַרט, ביז ביידע פאַרשווינדן. גייט צו צום פריערדיקן בערגל, רעדט גייענדיק: זאָל זי אַליין, אויב זי וויל שווימען צו איר פאַרשאַרטע טאָכטער. זי וועט זי דען דערגרייכן?... איך נישט... איך האָב גרעסערע זאַכן אויפצוטון אויף דער וועלט...

ער וואַרפט אַראָפּ די באַנק, דרייט אויף זיך די נאַסע קליידער, לייגט זיך אויפן גראָז מיטן פּנים אַרויף און רעדט: ביז איך וועל איבערציילן אַלע שטערן, וועלן זיך דערווייל פאַר דער לבנה מיינע קליידער אויסטרוקענען. ציילט. איינס... צוויי... זיבן... ניין... דרייסיק... צוויי און דרייסיק... זיבעצן...

עס הערט זיך אַ ווייטער פויגל. אַ קוקו. פאָרהאַנג פאַלט שטיל.

דער אלטער זיידע

(א קינדער־שפיל אין 3 סצענעס)

פון

איטשע וו. בירערמאן

Copyright 1929
by
I. W. Biderman
New-york, n. y.

צו ליבע קליינע

קינדערלעך א מתנה

די שפילער:

חײמל
משהלע
יאנקעלע
דער אַלטער מאן (דער אלטער זײדע)
חוהלע
טאטע פליג
מאמע פליג
ברודערל פליג
שװעסטערל פליג
קינדערלעך
ײנגלעך און מײדלעך, װאָס טאנצן און זינגען.
די שפיל קומט פאָר אין א גאָרטן.
זומער-צײט.

ערשטע סצענע

אַ גאָרטן, פון ווייטנס אַ גרופּע קינדער, וואָס זינגען. אַ גרופּע קינדער, וואָס טאַנצן. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען, ווי חיימל קלעטערט אויף אַ בוים און עטלעכע קינדער שטייען דערלעבן און קוקן אַרויף.

חיימל

די נעסט איז ליידיק און מיט אַ לאָך, אַפּנים, אַז עמעצער האָט שוין אַרויסגענומען פון דאַנען די אייערלעך און צעבראָכן די נעסט.

משהלע

קריך העכער, חיימל. אויפן שפּיץ בוים, אָט אָ דאָרט — איז נאָך אַ נעסט!

חוהלע

אָן, אָ... עס פליען דאָרט אריין און אַרויס אזעלכע שיינענקע, פּיצינוטצענקע פייגעלעך!... קריך דאָרט, חיימל, איך וואָלט אַזוי געוואָלט האָבן איינס...

חיימל קלעטערט העכער, לאָזט זיך באַלד צוריק אויפן פריערדיקן פּלאַץ.

חיימל

כ׳קאָן נישט... כ׳קאָן נישט דערלאַנגען... צו הויך... וואַרטס, שפּע־טער, כ׳על אַרויסרייסן אַ גרויסן דראָנג, וועל איך שוין קאָנען דערלאַנגען... *מוטשעט זיך, ברעכט אָפּ אַ צווייג, ווארפט דאָס אַרונטער, קריכט אַראָפּ* מירן אָפּרייסן די צווייגלעך און שפּעטער, ווען כ׳על אַרויפקלעטערן אויף דעם בוים, כע, — וועל איך שוין דערלאַנגען...

נעמט אַרויס אַ מעסערל, שנײַדט אָפּ די צווייגעלעך, די קינדער העלפן אים.

יאנקעלע

מיר דעבן אַן אייעלע?...

חוהלע

גלעט אים

יאָ, און סראָליקן אויכעט... גלעט ס׳צווייטע יינגעלע און חנהלען...
צו חיימלען אַ יאָ, חיימל?...

חיימל

יאָ, אַלע קינדער וועלן קריגן אייערלעך.

חוהלע

און איך אַ פייגעלע, האַ?... מיט אַ רויט טשוביקל... מיט אַ...
מיט... מיט...

פּאטשט מיט די הענט פאַר פרייד.

חיימל

גרויס בײַ זיך

אָ: אַ „זי“. אַ „זי“ איז אַ שיינס...

די גרויסע קינדער, וואָס האָבן די גאנצע צייט געטאנצט, הערן אויף,
גייען צו צו די קינדער, וואָס זינגען און העלפן מיט.

משהלע

זינגט און זאָגט נאָך די ווערטער, וואָס קומען פון די, וואָס זינגען

קומט קינדערלעך, קומט אַהין, וועלן מיר אויך מיטזינגען.

חוהלע

טאַקע, טאַקע.

יאַנקעלע

דאַדע... דאַדע...

פּאטשט מיט די הענטעלעך.

משהלע

אין שפּאס, פאַרקרימט זיך, מאַכט אים נאָך

דאַ—דע... דאַ—דע!...

יאַנקעלע

מאַכט א קרום פּנים, ווישט זיך די אייגעלעך

ע—כ—ע—ל ד—אָ—ס דער—צ—יי—לן דעם לע—רער!...

חוהלע

גלעט אים

שאַ, שאַ, יאַנקעלע... קום, קומט אַלע קינדער, וועלן מיר אויך זינגען און טאַנצן.

חיימל

איכל דאָ בלייבן, איך וויל נאָך אָפּרייסן אָט די אַלע בלעטעלעך פון דער צווייג און ווען איר וועט צוריקקומען, וועל איך ווי־ דער אַרויפקריכן אויפן בוים און אַראָפּנעמען פייגעלעך...

חוהלע

גוט... וועלן מיר טאַקע באַלד צוריקקומען.

גייען אָפּ. חיימל זינגט זיך צו אַ לידל, שניידט אָפּ אלע בלעטלעך, שטעלט זיך אויף, קוקט ארויף צו די נעסטן.

חיימל

ווי לאַנג דער דראָנג איז! איך וועל אַרויפקלעטערן אויפן בוים און מאַכן: קאַ—וו!... קאַ—וו!... אַלע וועלן אונטערהאַלטן די היטלען און די פייגעלעך מיט די אייערלעך וועלן גלייך אַריינ־ פאַלן... ווישט זיך דעם שטערן אַזוי הייס!... ציט זיך אויס אויפן גראָז, קוקט צום הימל און רעדט צו זיך וועל חוהלען געבן אַ „זי"... דאָס שענסטע פייגעלע, ס'עט האָבן אַ הויך טשוביקל, מיט... מיט גאָלדענע פעדערלעך... מיט אַ בריליאַנטן פיסקעלע... מיט אַ... האַ—אַ—אַ—אַ!... גענעצט כ'בין שלעפעריק... ציט זיך אויס האאא!

גענעצט, שלאָפט איין, פויזע. חוהלע קומט צוריק, בלייבט שטיין.

חוהלע

ער שלאָפט, כי, כי... רוקט זיך אָפּ פון אים. פויזע. קומט צוריק שטיל, קוקט אויף אים שעמעוודיק. וויל אוועקגיין, האלט זיך צוריק. שמייכלט. גייט צו, גיט אים אַ גלעט איבערן קאָפּ און לויפט אוועק פארשעמט און צעטראָגן כע, כע... איכל רופן די איבעריקע קינדער... כי, כי... ער שלאָפט!...

לויפט אָב, צוהאלטנדיק דאָס מויל פון געלעכטער. פאָרהאַנג פאלט און הויבט זיך גלייך אויף צוריק.

צווייטע סצענע

דער זעלבער פּלאַץ. חיימל שטייט לעבן בוים, אַרום אים אַ חברה יינגלעך. איינער מיט אַ הונט, איינער מיט אַ וועגל, אייניקע מיט שטעקנס, קוקן אַלע אויס ווי שלעכטע, נישט געהאָרכזאַמע קינדער.

חיימל

שטופּט מיך אונטער, כ׳על זיין אויבן, וועט איר מיר דערלאַנגען דעם דראַנג.

חברה שטופּן אים: „העפּ!„... „העפּ!״....

איינער

פון די יינגלעך

שטיל, חיימל, אַנישט וועלן זיי זיך צעפליען!

אַ צווייטער

וואַרט, מירן אונטערהאַלטן די היטלען!

חיימל

נו, דערלאַנגט מיר דעם דראַנג!

אַן אַלטער, אַ גרייז־גרויער ייד, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, שפּרינגט פלוצלינג אַפער פון הינטערן בערגל.

אַלטער מאַן

אַוועקט, איר שקצים! אַוועקט!... די קינדער צעלויפן זיך. צו חיימלען וואָס האָסטו געוואָלט טון, יינגעלע, ווייסטו נישט, אַז דו וואָלסט צעבראָכן די נעסט, וואָלסטו אומגעבראַכט פיל לעבעדיקע באַשעפענישן?... קורצע פּויזע קום אַרונטער, יינגעלע, וועל איך דיר דערציילן אַ מעשהלע, וועסטו ערשט איינזעען, וואָס פאַר אַן עוולה דו ביסט שיער באַגאַנגען. העלפט אים אַרונטערקריכן פון בוים

לאָמיר זיך דאָ ערגעץ אַוועקזעצן, וועל איך דיר דאָס מעשהלע דערציילן. זעצן זיך אויף גראָז, ווו חיימל איז פריער אנטשלאָפן געוואָרן.

דער אַלטער מאַן הויבט אָן דערציילן „... אַמאָל איז געווען אַ יינגעלע, האָט ער געהייסן שמוליקל, איז ער געווען אַ שלעכט יינגעלע, אַ קעפל האָט ער געהאַט — אַ גוטס, פלעגט איבערנעמען גרינג אַלע לימודים אין שול, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צום לערנען, ער פלעגט בעסער אַרומלויפן אין די גאַסן, פוסט און פּאַס און נישט וועלן לערנען... ... זאָגן אונזערע געלערנטע מענטשן: „איין שלעכטע זאַך — שלעפּט מיט אַן אַנדערע...” אז ער האָט נישט געוואָלט לערנען, האָט ער דאָך געהאַט גענוג צייט, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו טון אַנדערע שלעכטע זאכן אויך...

... איינמאָל האָט ער אויסגעריסן פון אַ גאָרטן נאָך נישט קיין אויסגעוואָקסענע בלומען און זיי צעפליקט און אַוועקגעוואָרפן... אַ צווייט מאָל האָט ער אָפּגעריסן פון די ביימער נאָך נישט קיין צייטיקע פרוכטן און זיי צעוואָרפן אין די גאסן... נאָכהער איז ער שוין גאָר געוואָרן ווילד; ער האָט געכאַפּט אַ פליג און אָפּגעריסן פון איר די פליגל און זי אַוועקגעוואָרפן, איז אים באַלד באַפאַלן אַ שלאָף און אָט וואָס ער האָט געזעען... — — —

אַלטער מאַן דרייט אויס זיין קאָפּ אין אַלע פיר זייטן, מאכט מיט די פינגער, ווי ער וואָלט עמעצן ארויסרופן.

אַלטער מאַן

מזרח, מערב, דרום, צפון,
אָט דאָס בילד איז זיך פאַרלאָפן,
זאָלן אַלע זען די זינד,
וואָס ס׳איז באַגאַנגען אַ שלעכט קינד!...

עס ווערט פינסטערלעך, — און באַלד צוריק ליכטיק, עס זעט זיך אַ נעסט פון פליגן.

אַ קליין פליגעלע

... עך וויל ע—ע—ס—ס—ן!..

אַ צווייט פליגעלע

...עך אויכעט, מאַ—מע!...

מאמע-פליג

ווייַנט נישט, מייַנע ליבע קינדערלעך, באַלד קומט טאטע-פליג אַהיים, ער וועט שוין אוודאי ברענגען עפּעס צו עסן...

קליין פליגעלע

מאַ—א—מע! מיך בייסט אונטער די פּאַכוועס!...

מאמע-פליג

זאָל דיך „זשין-זשין" קראַצן.

דאָס צווייטע פליגעלע לויפט צו און קראַצט דאָס.

קליין פליגעלע

אַ שיינעם דאַנק, ברודער „זשין-זשין"...

זשין-זשין

שמיר דיר אויס די שיך, קליין שוועסטערל...

מאמע-פליג

פאַרבערעכט מיט די פליגל און שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ

ווייַ איז מיר, וואָס קאָן דאָס זיין, וואָס טאַטע פליג איז נאָך נישטאָ צוריק? אפשר?—

קליין פליגעלע

אין די רייד

דענקסטו, אַז דער טאטע וועט ברענגען צוקער?

מאמע-פליג

אוי, קינד, וואָס דיר ליגט אין זינען... דער טאטע האָט שוין פון לאַנג געבראָכט צו זיין. דרייט זיך נערוועז, רופט זשאָ-זשי!... זשאָ-זשי!... אָט גייט ער... זשאָ-זשי! שרייט אויס א!... מען האָט אים אויסגעריסן די פליגל... אַן אומגליק! אוי, א שפין יאָגט אים נאָך... ער קאָן נישט אַוועקפליען!... קינדער! קינדער... —

פאלט, עס ווערט פינסטער און באַלד צוריק ליכטיק. די פליגן זענען מער נישטאָ. דער אַלטער מאַן דערציילט ווייטער זיין מעשהלע.

אַלטער מאַן

... און ווען שמוליקל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז ער

געווען אַ ביסל צעטומלט, אָבער אַ שלעכט ייִנגל איז ער דאָך געווען, האָט ער גלייך פֿאַרגעסן אין אַלעם. ער האָט פֿארגעסן, אַז אויך פֿליגן זענען לעבעדיקע באַשעפֿענישן, אַז אויך אַ פֿליג האָט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען, אַ ברודער און אַ שוועסטער, און אַז מען רייסט אַ פֿליג אויס די פֿליגל, טוט דער פֿליג ווי... און איינמאָל האָט ער געטון דאָס, וואָס דו האָסט נאָר וואָס געוואָלט טון...

... ער איז אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ בוים, גענומען אַ גרויסן דראָנג און דערמיט צעבראָכן אַ נעסט. ער האָט געוואָלט די פֿייגעלעך און אייערלעך פֿון דאָרט אַרויסנעמען און אַז די נעסט איז צעבראָכן געוואָרן, זענען די אייערלעך און די פֿייגעלעך אַרויסגעפֿאַלן, די אייערלעך האָבן זיך צעבראָכן און די פֿייגעלעך זענען דערהרגעט געוואָרן...

... באַלד איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם־ווינט, עס האָט געדונערט און געבליצט, דער ווינט איז אומגעלאָפֿן און געוואָיעט, דערציילט אַלעמען און יעדן, אַז שמוליקל האָט די פֿייגעלעך דערהרגעט...

... און שמוליקל האָט נישט געקאָנט פֿון בוים אַרונטערגיין, ווייל עס איז געווען פֿינסטער און עס האָט שטאַרק גערעגנט, האָט זיך שמוליקל שטאַרק צוגעקילט און קראַנק געוואָרן...

... ער איז געווען אַ לאַנגע צייט שלאָף און פֿאַרשאַפֿט זיינע ליבע טאַטע־מאַמע פֿיל זאָרג און עגמת־נפֿש... און ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער איינגעזען, ווי נישט גוט עס איז צו זיין אַ שלעכט ייִנגל, איז ער באַלד געוואָרן גוט און איז שוין ביזן היינטיקן טאָג — דאָס בעסטע ייִנגל...

דער אַלטער מאַן הויבט זיך אויף אַוועקצוגיין, עס ווערט פֿינסטער און באַלד צוריק ליכטיק. דער אַלטער מאַן איז שוין נישטאָ, הימל ליגט און שלאָפֿט אויפֿן זעלבן פּלאַץ, ווו ער האָט זיך געלייגט, ביי דער ענדע פֿון דער ערשטער סצענע. די קינדער פֿון ווייטנס זינגען און טאַנצן, חוהלע קומט צו מיט עטלעכע ייִנגלעך און מיידלעך.

חוהלע

האַלט אַ פֿינגער ביים מויל

ששששש... שאַטץ... ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, כי, כי...

א מיידעלע

לאָמיר אים מיט שטרויעלעך קיצלען!...

טוט דאָס, אַלע לאַכן.

א יינגעלע

לאָ—לאָ—לאָם איך אים, דעבן אַ—אַ—סנעל אין די נאָזי טוט דאָס

קוקעריקו—האָ!...

א מיידעלע

ער מוז אַוודאי חלומען...

א יינגעלע

מי—יאַ—הו— !...

א צווייט יינגעלע

האַוו !... האַוו !...

משהלע

געגוג זיך נאריש צו מאכן, קינדער... לאָזט, וועל איך אים אויפ-וועקן. הויבט אויף דעם דראָנג וועט ער אונז ארונטערנעמען די פייגל און די אייערלעך...

חוהלע

יאָ, טאקע! פאטשט מיט די הענט וועט ער אונז אַרונטערוואַרפן די פייגעלעך... איכל האָבן א „זי"... א „זי", איז דאָס שענסטע פייגעלע...

א יינגעלע

שטעלט זיך לעבן שלאָפנדן, זינגט

שטייט אויף! שטייט אויף! לעבודת הבורא! קומי נאָ־אָ והתיצב, נאָ־אָ לעבודת...

חיימל

כאפט זיך אויף

זיידעניו! זיידינג — הא? וואָס? ווו איז, ווו

רייבט זיך די אויגן.

א מיידעלע

האַסט איינגעדרימלט, חיימל.

חוהלה

אין עס האָט זיך דיר געמוזט עפּעס חלומען, כי, כי...

חיימל

פארטראכט

חלומען...

אַ מיידעלע

כי, כי, ער איז נאָך פאַרשלאָפן!

אַ יינגעלע

נאָמיר ברענגען אַ טעצעלע, עס עס אים אויסלעטן די איידעלעך...

משהלע

מעשה גרויסער

נו, נו... מאכט זיך נישט ווי קינדער... צו חיימען קריך אַרויף אויפן בוים, וועל איך דיר דערלאַנגען דעם דראָנג... אַלע פייגל זענען איצטערט אין די נעסטן, זיי קאָרמען זיך...

חיימל

פארטראַכט

ניין, קינדערלעך, מיר דאַרפן דאָס נישט טון און מיר טאָרן דאָס נישט טון... זעצט זיך אַרום מיר, וועל איך אייך דערציילן, וואָס דער אַלטיטשקער זיידע האָט מיר אין חלום דערציילט

די קינדער זעצן זיך אַרום חיימלען און ער דערציילט זיי זיין חלום. פון דערווייטנס דערטראָגט זיך דאָס געזאנג פון די קינדער. פויזע. חיימל דערציילט

... „און אַז די פליג האָט שוין נישט געהאַט די פליגל, האָט דאָס שוין נישט געקאָנט אַוועק־פליען פון דער שפין, וואָס האָט דאָס געיאָגט אויפצועסן — —

די קינדער הערן זיך פאראינטערעסירט צו.

פאָרהאנג

דער אייגנטימער פונם צווייער

(אַ טעאַטער־שפּיל אין 7 סצענעס)

פון

איטשע וו. בירערמאַן

Copyright 1929
by
I. W. Biderman
New-york, n. y.

מײַן ברודער
אַברהמען –
[illegible] ווידמעט

אָנטיילנעמער אין דער שפּיל

דערקלערער
אַ דיכטער
אַפּאָריזמען־שרייבער
געלערנטע
אייגנטימער פונם צווייער
מרים (זיין טאָכטער)
סייפינקוס (דער וווּנדער־מענטש)
אַלדוויז (זיין לערער)
דירעקטאָר פון נאַציאָנאַלער באַנק
דירעקטאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַנק
דירעקטאָר פון דער שטאָטישער באַנק
פּאָטער רענגיל (אַ גייסטלעכער)
מוח (אייגנטימער פון דער פּרעסע)
משרתים
היטער
מיידלעך, דאַמען, הערן, אַרבעטער, פירער פון שטרייק
צייט — יעדער
אָרט — יעדער

אין יעדן לאַנד קאָן דאָס „טעאַטער־שפּיל" אויפגעפירט ווערן לויט זייערע זיטן און לויט זייערע קליידער. דאָס שפּיל וועט דערפון גאָרנישט פאַרלירן.

אַלע רעכט האַלט דער פאַרפאַסער פאַר זיך.

פראָלאָג

אײדער דער פאָרהאַנג הײבט זיך אויף, קומט ארויס אײנער און דער־קלערט דעם אַרײנפיר צום שפּיל.

דערקלערער

חשובע הערן און דאַמען! אײדער מיר גײען פאַר אײך אויפ־הויבן דעם פאָרהאַנג פונם טעאַטער־שפּיל: „דער אײגנטימער פונם צװײער", מוז איך אײך פריער באַמערקן דאָס פאָלגנדע.

הוסט זיך אויס.

... מאַן און פרוי האָבן זיך באַגעגנט, זיך געפּעלן, און געקומען אײנער צום צװײטן. די פרוי האָט געבוירן אַ זון און איז געשטאָרבן. (ברוך דיין אמת!) און װען דער טאַטער האָט אַרײנגעקוקט אין די אויגן פון זײן קינד, איז ער אַראָפּ פון זינען... קורצע כּױזע פאַר־שטײט זיך, אַז די פּרעסע פון דער גאַנצער װעלט האָט דאָס שטאַרק צעפּויקט און צעבלאָזן, אַז פיל געלערנטע און רײכע מענטשן האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם קינד, װאָס האָט די װוּנדערבאַרע אויגן. די געלערנטע האָבן אויסגע־פונען, אַז דאָס קינד פאַרמאָגט אין זיך נאָך אַ חוש, װאָס קײן מענטש פאַר אים האָט נישט פאַרמאָגט. נעמלעך: ער קאָן קוקן און דורכזען דורך װײטע װענט, דורך מענטשלעכע הערצער און אויך װיסן, װאָס זײ טראַכטן און דענקען... די געלערנטע און רײכע מענטשן האָבן פאַרן — װײל אַמבעסטן — פאַר די מענטשן אים באַשלאָסן צו האַלטן ביז 20 יאָר װײט פון דער גרויסער שטאָט און אים לערנען אַלע חכמות, פון װעלכע מיר װײסן...

...און אַז עס זענען אַוועק די צוואָנציק יאָר, זענען זיך צוזאַ־מענגעקומען רייכע און געלערנטע מענטשן, און האָבן געשיקט ברענגען דאָס וואונדער־קינד, וועלכעס איז שוין דערוואַקסן צו אַ מאַן... — — —

דער דערקלערער פארגוויגט זיך, פארשווינדט. דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף.

ערשטע סצענע

די סצענע שטעלט פֿאָר א באַל. פון ווייטנס טאנצט מען, פון פֿאָרנט איז אַן אָפּרו־פּלאַץ מיט בענק. עס שטייען דאָ און דאָרט סלויעס מיט געטראַנקען. מען טרינקט און מען רעדט שטיל און הויך.

א י י נ ע ר

אַ מענטש, וואָס קאָן אַלע וויסנשאַפטן און פון זיינע אויגן קאָן מען גאָרנישט באַהאַלטן...

א י י ג נ ט י מ ע ר פ ו ן צ ו ו י י ע ר

באַט אייך אַ צווייער... — — —

ע ר ש ט ע ר

וועט ער טאַקע אפשר... — — —

א י י ג נ ט י מ ע ר פ ו ן צ ו ו י י ע ר

עט, באַט אייך אַ צווייער!...

די גרופּע קערן אָפּ די קעפּ פון אים.

א י י נ ע ר

אַ קאַפּיטאַליסט!

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר

איבעראַל שטעקט ער אַריין זיין שנוק.

אַ ד ר י ט ע ר

אַ פּוסטער בעל־גאווהניק...

פון א גרופּע מיידלעך.

א י י נ ע

איך בין שוין פֿאַרליבט אין אים...

אַ צ ו ו י י ט ע

איך אויך...

אַ דריטע

איך אויך...

פון אַן אנדערער גרופּע.

דאַמע

וואָס זאָגט איר, דיכטער?

דיכטער

איך בין פול מיט נייגיר אים צו באַגעגענען. ער קאָן זיין אָט דער, אויף וועלכן די גאַנצע מענטשהייט וואַרט מיט אומגעדולד שוין יאָרן טויזנטער...

פון דער גרופּע מיידלעך.

איינע

איז ער אַ שיינער?...

אַ צווייטע

ווער ווייסט? ער קער זיין!...

אַ דריטע

כי כי...

פון דיכטערס גרופּע.

אַ דאַמע

וואָס ער זאָל נישט זיין, דיכטער, די גאַנצע זאַך איז שפּאַנענד.

אַ צווייטע דאַמע

לאַכט שעלמיש

זאָגט, וואָס איר ווילט, איך בין פול מיט נייגיר, ווי אַן אָנגעזאַפּטע שוואָם... ווי אַ יונג אומדערפאַרן מיידל... צום אַפּאָריזמען-שרייבער איר, אַפּאָריזמען-שרייבער, האָט שוין, פאַרשטייט זיך, אַ גלייך ווערטל פאַר מיין נייגיר...

אַפּאָריזמען-שרייבער

אייער נייגיר ווונדערט מיך גאָרנישט. דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. פּרויען-הערצער זענען ווי דאַרע מצה, זיי קרישלען זיך ביי דער מינדסטער באַרירונג.

זיי לאַכן. פון דער ערשטער גרופּע הערט זיך, ווי זיי רעדן.

איינער

ביי אים איז דאָך אַלץ ווי אַן אָפענער „איין-און-דרייסיק". ער

זעט אַלץ, פון אים קאָן מען גאָרנישט פאַרהוילן, אַז ער קוקט אייך אָן, זעט ער דאָך, וואָס איר טראַכט!

אַ צווייטער

וועט ער טאקע רעדן דעם אמת.

אייגנטימער פון צווייער

אין די רייד

עס, נאַט אייך אַ צווייער...

ערשטער

בייז

צום טייוול! ווער פרעגט בּיי אייך?!

אייגנטימער פון צווייער

מיך, כע — כע... מיך דאַרף מען נישט פרעגן. איך האָבּ דעם „צווייער", גיבּ איך אים...

גייט אָפּ. זייער גרויס בּיי זיך, שטעלט זיך לעבּן דיכטערס גרופּע.

ערשטער

אַ חוצפה פון אַ גראָבּן יינג! פּע!...

שפּייט אויס.

צווייטער

בּייז

געלט — רעדט!...

פון די דריי מיידלעך.

איינע

לאָמיר זען, צי ער קומט שוין.

צווייטע

לאָמיר טאַקע.

דריטע

לאָמיר...

קוקן דורך א פענסטער.

איינע

אוי אוי, אַ—זוי פיל מענטשן!

צווייטע

— זעט אויס, ווי די גאַנצע שטאָט.

דריטע

— ווי די גאַנצע וועלט!...

ערשטע

— אַן עולם!...

פון דיכטערס גרופּע.

דאַמע

אויב ער זעט טאַקע אַלץ, הם... אַז ער וועט קומען אַהער, וואָס וועט ער זאָגן?

אַפאָריזמען-שרייבער

אין די רייד

אַז דאָס גאַנצע לעבן איז בלויז אַ געיעג נאָך דעם באַהאַלטע-נעם אין דער פרוי, וואָס זי אַליין, די פרוי, פּרוּווט מיט אַלע אירע כּוחות — אויפדעקן...

דיכטער לאַכט, פרוי בייז

דאַמע

איר זענט אַ ציניקער.

ווערט רויט.

אייגנטימער פון צווייער

צו דער דאַמע

אָ, ווי איר זענט רויט געוואָרן... ס'פּאַסט אייך... ס'פּאַסט אייך זייער... נאַט אייך אַ צווייער פאַר אייער רויטקייט!...

ווייזט אַ צווייער.

דאַמע

ווי וואַגט — דערזעט דאָס געלט ווער זענט איר?... איר האָט אייך פאַר מיר נישט פאָרגעשטעלט...

אייגנטימער פון צווייער

נעמט זי אונטערן אָרעם

איך דאַרף זיך נישט פאָרשטעלן, זעט איר, פאַר מיר שטעלן זיך אַלע פאָר... גרויס איך בין דער אייגנטימער פונם צווייער!...

די דאַמע

אַזוי?...

דריקט זיך צו אים שטייפער, נעמט אים אונטערן אָרעם, בײדע גייען אין טאנץ־זאַל.

צווייטע דאַמע

אַך, מיין גאָט, ווי אומפאַרשעמט...

דיכטער

איז —

אַפּאָריזמען־שרייבער

„ער" אָדער „זי" ?...

איינער קומט אַריין, זוכט עמעצן. די געלערנטע רינגלען אים ארום

געלערנטע

נו ? נו ? ווו איז ער ? ווען קומט ער ?

אַריינגעקומענער

זיך איינגעשפּאַרט, וויל דווקא קומען פּאָרנט אַרומעט, ער זעט ערגסטע, ערלעכע מענטשן צווישן דער מאסע... הם... איך וועל דאָך אים נישט דערציילן, אַז מ'האָט מיר אָנגעזאָגט אים — אונ־טער אַלע אומשטענדן — פריער צו ברענגען אַהער. הם... האָב פּאָרויסגעזאָגט : די ווילדע מאַסע עט אים צודריקן... ווישט זיך דעם שווייס אָ, ווי הייס ! אַלדוויין פירט אים הינטן אַרומעט.

אַ געלערנטער

האָסט גוט געטון, מיין זון. ווי כ'האָב קיינמאָל נישט געזען די מאַסע און קאָן זי נישט, ווייס איך אָבער פון ביכער, אַז זיי זענען ווילד און צעיושעט.

צווייטער געלערנטער

דיכטיק : ווילד און צעיושעט ! ווילד און צעיושעט !

אַלטער געלערנטער

מיט גרויס פרייד

וויל איך טאַקע, הייסט עס, מיט מיינע אייגענע אויגן קאָנען באַ־טראַכטן „סייפינקוסן", דעם וווּנדער־מענטש ?... דעם ספינקס ?...

אַריינגעקומענער

נו, ער קומט דאָך, ער קומט דאָך, מאַכט אייך גרייט.

אַרומיקע

גיבן זיך איבער

ער קומט. ער קומט. ער קומט שוין!

עס ווערט אַ גערודער, מען שטעלט אָפּ דאָס טאַנצן.

איינינקע

זאָל זיין שטיל! ער קומט שוין! ששש... פון אונטער דער וואַנט הערט זיך אַלדווייזס קול.

אַלדווייז

קום ווייטער, סייפינקוס, וואָס ביסטו שטיין געבליבן? די גע־לערנטע און די רייכע מענטשן וואַרטן אויף דיר.

סייפינקוס

וואַרט, לערער און פריינט. קורצע פויזע איך זע זיי דורך און דורך, פון דאַנען... איך זע דאָך דורך זייערע ביינער...

די דריי מיידלעך.

איינע

ס'באַפאַלט אַ שרעק.

צווייטע

מיר ציטערן די פיס.

דריטע

איך האָב אַזוי מורא...

אַלדווייזס שטימע הערט זיך.

אַלדווייז

וואָס־זשע זעסטו דורך די ווענט און דורך די מענטשנס פלייש מיט ביינער?

סייפינקוס

גאָרנישט. פלייש מיט בלוט... מאַרך מיט געדאַנקען...

דאַמע

צום אַפאָריזמען־שרייבער

קוקט ער, הייסט עס, בלויז אין קאָפּ... אַבי איך האָב געמיינט —

אַפאָריזמען־שרייבער

אין די רייד

אַז ער אַנטפּלויזט אינגאַנצן, כע, כע.

דאַמע

אַך, וואָס פאַר אַ ציניקער איר זענט עס!

אַלדוויין

וואָס-זשע זענען זייערע געדאַנקען, סייפינקוס?

סייפינקוס

זייערע געדאַנקען זענען ווי פּאסטקעס, ווי אָנגעשטעלטע נעצן. זיי דענקען בלויז, וויאַזוי צו פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע לעבן פאַר זיך. בלויז פאַר זיך...

אַלדוויין

קוק ווייטער, סייפינקוס. קורצע פּויזע וואָס זעסטו איצט?

סייפינקוס

וואָס זיי זאָגן — מיינען זיי נישט, און וואָס זיי מיינען — זאָגן זיי קיינמאָל נישט אויס... קורצע פּויזע זיי זענען פאַלשער פון דער קאַץ, זייער זכּרון איז אַ פּיל דויערנדער און דאָס, ווי מיר שיינט, איז נאָך נעבעכלעכער, ריכטיק, מיין לערער? קורצע פּויזע איך וועל נאָך אַמאָל אַ קוק טון.

אַ שטימע פון עולם

אַ שרעק לויפט איבער די ביינער.

צווייטע שטימע

דער אמת שניידט ווי אַ בריטוווע...

אײנע פון די דריי מיידלעך טוליעט זיך און ציטערט.

אײנע

מיר ווערט עפּעס... עפּעס... אַזוי לויז... אַזוי גרינג אויפן האַרצן... איך פּיל, ווי אַ ווייך וואַרעמער הויך גלעט מיין גאַנצן קערפּער... איך... איך...

ציטערט.

צווייטע

מרים!

דריטע

וואָס איז דיר, טייערע?!...

מרים

מאַכט נישט קיין געררודער... מיר איז אַזוי גוט... אַזוי גוט אַצינד...

עס הערט זיך אַלדוווייזס שטימע.

אַלדווייז

וואָס זעסטו איצט, סייפינקוס, וואָס דיין פנים האָט אויפגעשיינט און זיך איינגעטונקען אין אַזאַ ליטערקייט?

סייפינקוס

אַן אוצר האָב איך דערזען, אַ בלום אין אַ וויסטער מדבר געפונען, אַ מענטש, אַ מענטש, אַ מענטש! קום, מיין ליבער לערער און לאָמיר, ווי דיאָגענעס, אָנצינדן אַ לאָמפ און זוכן אין מיטן העלן טאָג נאָך אַזאַ מענטשלעך האַרץ!

קומען ביידע אַריין.

אַלע

לאַנג לעבן זאָל דער וווּנדער-מענטש! גערודער אַרום סייפינקוסן לאַנג לעבן!... ע, שטופּט אייך נישט!... לאַנג!... לאָזט זען!...

מרים

צו די מיידלעך

אַ באַלזאַמקייט צערינט אין אַלע מיינע גלידער... אַ באַלזאַמקייט האַלט מיך אונטער, מיינע טייערע... האַלט מיך... איך צעשמעלץ זיך אונטער זיין ליכט און וואַרעמקייט!...

פאַלט אין זייערע הענט, זייטיקער גערודער. דער אייגנטימער פונם צווייער קאָכט זיך.

אייגנטימער פונם צווייער

מיין טאָכטער! מיין טאָכטער! מיין איינציק קינד!...

פאָרהאַנג

צווייטע סצענע

די סצענע שטעלט פאָר אַ צימער מיט מאַסיווע שטאַ־יקע ווענט און מעבל פון אַלטן סטיל. אין מיטן שטייט אַ שמאָלער לאַנגער טיש מיט לאַנגע בענק. פון אויבן־אויף שטייט אַ גרויסער צווייער. אייינער מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט שטייט און איט. מענטשן רייך אָנגעטון קומען זיך צונויף. באַגריסן זיך.

איינער

ווערטע חברים, די פאַרזאַמלונג וועט זיך באַלד אָנהייבן. דער קעניג אונזערער, דער אייגנטימער פונם צווייער, גייט שוין. טוט אייך אַלע אויס די פרעמדע קליידער און לאָמיר, ווי אימער, צווישן זיך זיין אָן די מאַסקעס... מיר קענען זיך דאָך מיט אים אָן די מאַסקעס...

אייניקע

אוודאי! אוודאי!

טוען זיך אויס די מענטשלעכע קליידער און מאַסקעס, שטעלן מיט זיך פאָר מאָדנע פיגורן. איינער איז אָן אַ קאָפּ און אויפן קאָפּ איז ביי אים אַ קאַטע מיט אַ לאָך פון אויבן. איינער איז אינגאַנצן קאָפּ מיט דינע הענט און פיס. איינער איז אָן הענט און אָן פיס. איינער איז אינגאַנצן בויך. איינער בלויז פיס מיט הענט. ביי יעדן פון די פאַרזאַמלטע הענגט אויפן אָרעם פון הארץ — אַ צווייער. אייגנטימער פונם צווייער קומט אַריין, טוט זיך אויס, ער איז אַ סקעלעט, טראָגט דעם צווייער אויף די ווייסע ביינער. אַלע זעצן זיך אויס, דער אייגנ־

טימער פון צווייער אויבן־אַן, דער, וואָס איז בלויז קאָפּ, שטעלט זיך אויף. רעדט.

דער קאָפּ

מיינע ליבע חברים! מיר זענען זיך היינט אַלע צונויפגעקומען, אַלע די, וואָס זאַמלען און היטן דעם צווייער!... אַלע, וואָס ווילן אָפּפערן צו יעדער צייט זייער פלייש און בלוט פאַרן צווייער. הוסט זיך אויס קאָלענען! נעמענדיק אין באַטראַכט דעם ווייטן און דורכזיכטיקן בליק פונם ווונדער־מענטש, וואָס קיין זאַך קאָן מען פון זיינע אויגן נישט באַהאַלטן. דער ווונדער־מענטש, וועלכער טראָגט זיך אַרום מיט אונזער גרעסטן שונא, נעמלעך — דעם אמת... און שטופּט אים, ביי יעדער געלעגנהייט צו אונזערע נעז, פון וועלכן מיר — אָפּהיטער פונם צווייער, — קאָנען דעם ריח אַזוי נישט פאַרטראָגן... הוסט זיך אויס כעם... כעם... איז פאַר אונז אַ גרויס געפאַר, זייער אַ גרויס געפאַר!... דאַרום האָב איך אייך אַלע צונויפגערופן, לאָמיר אויסטראַכטן עפּעס אַ מיטל, עפּעס אַזוינס, אַז מיר זאָלן אים בעסער צוציען צו אונז, אָפּהיטער פונם צווייער, איידער ער זאָל זיין קעגן אונז... און ווען מיר ציען אים צו, וואָלט ער אונז געבראַכט ריזיקע פּראָפיטן... קורצע פויזע איך גיב דאָס וואָרט דעם דירעקטאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַנק.

זעצט זיך.

דירעקטאָר פון דער אינט. באַנק

דער מיט דער קאַסע אַנשטאָט קאָפּ שטעלט זיך אויף, רעדט מיט אַ בעס.

מיין מאָטאָ איז קורץ און שאַרף: איז דאָס גוט פאַר מיר — עס איך דאָס אויף, איז דאָס שלעכט פאַר מיר — שלינג איך דאָס איין...

זעצט זיך.

דער קאָפּ

דירעקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער באַנק האָט דאָס וואָרט!

זעצט זיך.

דירעקטאָר פון דער נאַצ. באַנק

דער, וואָס איז בלויז הענט און פיס

קאָלעגן! עס איז גאָר קיין פראַגע נישט, צי מיר זאָלן אים אָ אויפעסן, צי איינשלינגען, צי נישט. דאָס איז שוין גאָר קיין פראַגע נישט, מיר מוזן אים אַריינגעמען אין אונזערע הענט *דרייט מיט די הענט* און אים קוועטשן און קוועטשן, ביז מיר וועלן פון אים אויסקוועטשן דעם לעצטן צווייער! *זעצט זיך, פאַרענדיקט שטילער* פאַרשטייט זיך, כע, כע, אויב ס'איז ריכטיק אייער באַמערקונג, אַז ער קאָן ברענגען פראָפיטן... — — —

דער קאָפּ

פראָפיטן! דערויף בין איך דער קאָפּ! ער וואָלט געווען פאַר אונז, ווי אַן איינגעזאַפּטע שוואָם, וואָס וואָלט זיך קיינמאָל נישט אויסגעקוועטשט! *בייט דעם טאָן* איך גיב איצט דאָס וואָרט דעם דירעקטאָר פון דער שטאָטישער באַנק.

דירעקטאָר פון דער שטאָטישער באַנק

דער, וואָס איז בלויז בויך

אַוודאי דאַרפן מיר אים אַריינעמען צו אונז, *טאַפּט זיך ביים בויך* און ווער עס קומט נאָר צו אונז אַריין, קומט קיינמאָל פון אונז נישט אַרויס... כע, כע..! וואָס, נישט ריכטיק?!... *באַלד* אָבער וואָס שווייגט אונזער קעניג, אונזער פירער, דער אייגנטימער פונם צווייער?!...

זעצט זיך

דער קאָפּ

איך האָב די ערע. *נייגט זיך* אונזער אַלעמענס און במילא דער וועלטס־פירער, דער אייגנטימער פונם צווייער!... *אַפּלאָז. אייגנטימער פונם צווייער שטעלט זיך אויף, נייגט זיך*

אייגנטימער פון צווייער

מיינע נאָענטסטע פריינט. עס פרייט מיךווירקלעך זייער זיך צו טרעפן מיט אייך, און דאָס אייך איבערצוצייגן, באַפעל איך אימער מיר זאָלן זיך זען אין ריכטיקן געשטאַלט... *קורצע פויזע* איך אַליין טראַכט נישט. איך קאָן נישט טראַכטן. איך באַפעל! איך קויף! *באַלד* וואַרטס נישט אויף מיר, צי אויף דעם, צי אויף

יענעם, ווער עס האָט אַ ריכטיקן געדאַנק, זאָל אים זאָגן צו־ זאַמען מיטן פרייז.

פויזע, אַלע שווייגן.

דער קאָפּ

מיינע ליבע חברים, הערן אונטערשטיצער און זאַמלער פון צווייער, איך, דער קאָפּ! איך, וואָס שטעל אייך אימער צו די געדאַנקן ווי אַזוי איר און נאָר איר אַליין זאָלט בלייבן די איינציקע אייגנטימער פונם צווייער,— איך האָב אויך איצט דעם ריכטיקן פּלאַן.

אַלע

זאָג, וויפיל! וויפיל ווילסטו!

דער קאָפּ

צען קעניגרייך!...

איינציקע

צען קעניגרייך, פאַר אַ וווּנדער־מענטש ?!...

אַנדערע

צווישן זיך

צען קעניגרייך פאַר אַ וווּנדער־מענטש...

אייגנטימער פ. צווייער

צען קעניגרייך פאַר אַ וווּנדער־מענטש... הם... צען קעניגרייך...

קורצע פויזע

נו, לאָמיר הערן דיין פּלאַן!

דער קאָפּ

מיט אַ שפּענדל פּייער, קאָן מען דעם גרעסטן בנין פאַרברענען...

בלייבט שטיל.

איינער

איך פאַרשטיי נישט.

אַ צווייטער

איך אויך נישט.

דריטער

דערקלער דייטלעכער, גרויסער קאָפּ!

דער קאָפּ

אַ מאַן — איז אַ בנין, אַ פּרוי — דער שפּאָן פּייער... און ווי איך האָב פריער באַמערקט, קאָן אַ קליינער שפּאָן דעם גרעסטן בנין פאַרברענען.

איינער

כ׳כע, כ׳כע, כ׳כע!... לאַכט צעצויגן אַ קאָפּ האָט ער עס!...

צווייטער

שמייכלט

איצט פאַרשטיי איך!... ווייזט אויף זיין קאָפּ סמיקאַלקע!...

אייגנטימער פ. צ.

האָסטו, הייסט עס, די פּרוי?, דעם שפּאָן פּייער? קורצע פּויזע ווו און ווער איז זי?

דער קאָפּ

די פרוי איז דאָ, זי איז דיין טאָכטער!...

אייגנטימער פ. צ.

מיין טאָכטער?!

דער קאָפּ

אין די רייד

יאָ, די בלום, וואָס ער האָט זיך אַזוי געפּרייט, אַז ער האָט געפונען, האָט ער דאָס זי געמיינט.

אייניקע

בייטן זיך מיט די בליקן

הם... ע... הייסט עס... — —

אייגנטימער פ. צ.

אין די רייד

מיין טאָכטער, כא, כא, כא... אַזוי... לאַכט צופרידן און ווען עס פּאָדערט זיך מיין ווייב און מיין גאַנצע ווייבערשע משפּחה, וואָלט איך זיי בישט געאָפּפערט אַלע צו באַשיצן דעם צווייער?!...

אַלע

קוקן זיך איבער

ריכטיק! ריכטיק! וואָס דען?!

דער קאָפּ

... מיין פּלאַן, חברים, איז ווי אַן אָפענע קאָרט. אלע ביגן זיך צו דעם וווּנדער מענטש וואָלט נמאס ומאוס געוואָרן דאָס לעבן, ווען ער וואָלט קיין מענטשלעך האַרץ נישט געהאַט נאָענט לעבן זיך.

אייגער

אין די רייד

נו?

דער קאָפּ

רעדט ווייטער

נישט מיין, ווי צוויי אַזעלכע הערצער, פון וועלכע ער ווייסט און פאַרגעטערט, קאָן ער איצט. דעם גרויסן געלערנטן אַלדוויין און מרימן, די טאָכטער פון אונזער האַר, אונזער פירער, דער אייגנטימער פונם צווייער.

אייניקע

שטאַרק פאַראינטערעסירט

נו?...

דער קאָפּ

רעדט ווייטער

אַז מען וועט אַלדוויין אומברענגען, וועט דער וווּנדער-מענטש זיך מוזן ווענדן צום צווייטן מענטשלעכן האַרץ, צו דער טאָכטער פון אונזער גרויסן פירער!...

אייניקע

כע, כע, כע!...

אַנדערע

צווישן זיך

איצט איז שוין גאָר פאַרשטענדלעך!...

דער קאָפּ

רעדט ווייטער

און ווען ער וועט קומען צום שפּאָן, וועלן מיר אונטערצינדן...

אייגנטימער פ. צ.

שטעלט זיך אויף, גיט א לייכטן קלאפ אין טיש

איך, אייגנטימער פונם צווייער, פירער פון גרויס־קאפּיטאל, באפעל: בייט זיין טאן זאל מען די מינוט אומברענגען דעם גרויס־געלערנטן אלדוויז...

דער קאפ

די פאַרזאַמלונג איז צו ענדע. אלע שטעלן זיך אויף

אייניקע

ס'איז שוין געשען!

דער קאפ

דער שפאן זשאַרעט שוין!... א ווינט רוישט און רייסט די פענסטער

אייניקע

אָנטועענדיק אויף זיך די מאַסקעס און קליידער

אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט איצט אין דרויסן.

אַנדערע

אין די רייד

און עס וווּנדערט, צי וועט דער ווינט לעשן אָדער פונאַנדער־טראָגן אונזער פייער?...

פאָרהאַנג פאַלט שטיל

דריטע סצענע

א צימער פול ביכער. רעכטס, איבער א טיש, איינגעטונקען אין א ים פון ביכער, זיצט אַלדוויז פארטיפט. לייענט און פארצייכנט. לינקס, ביי א צווייטן טיש מיט ביכער און פאַ־פירן, זיצט סייפינקוס און לייענט. ער פארטראַכט זיך אלע מאָל און ווען ער טוט דאָס, דרייט ער איבער דעם קאָפּ און קוקט אויף דער וואַנט היגטער זיך, ווו ט'באַווייזט זיך דורך א דינעם שלייער מרים, ווי זי זיצט ביי זיך אין צימער, שפּילט פּיאַנאָ אָן טענער.

סייפינקוס

דער אומרו, ווי קוועק־זילבער גליטשט ער זיך אין מיר אַרום.

אַך, וואָס פאַראַ קראַפט אַ ריין־מענטשלעך האַרץ האָט איבער מיר... *שאָקלט אָפ פון זיך די געדאַנקען, דרייט צוריק דעם קאָפּ אין בוך, דאָס בילד פון מרימען פאַרשווינדט* אַך, פאַרוואָס האָב איך אַזעלכע אויגן, וואָס זעען אַזוי ווייט... וואָס פאַרשאַפן מיר אַזוי פיל שמערצן... פון די באַהאַלטענע — פון מענטשנס אויגן — ווינקלען, אַזעלכע אומרעכטן קוקן שטענדיק פון דאָרט אַרויס... אַזוי פיל אייגנליבע...

קורצע פּאַוזע.

אַלדוויין

פאַרשרייב, מיין ליבער סייפינקוס: *דיקטירט* דער גערעכטער איז אימער דער שוואַכסטער, אָבער אָט די שוואַכע — ווען צוזאַמען, זענען דאַן די שטאַרקסטע.

סייפינקוס

פאַרשריבן, מיין לערער. *באַלד* דאָס איז קלוג און אויפריכטיק געזאָגט. דער אמת שרייט פון דאַנען מוראדיק אַרונטער. און דאָס ברענגט מיך צוריק צו דעם, פון וואָס איך האָב מיט אייך פריער גערעדט: צווישן דער מאַסע, ווי צווישן די רייכע, איז דאָ פיל פאַרדאָרבענע מענטשן. אָבער נישט פיל פון זיי האָבן די קראַפט צו לעבן אַזוי פאַרדאָרבן, ווי זייער מאַרך דיקטירט זיי. דאַקעגן אָבער, די רייכע, די אייגנטימער פונם צווייער, פאַר זיי איז די בריק פון שטערונג — צעבראָכן.

אַלדוויין

די וועלט ווערט שלעכט רעגירט, מיין זון. די וועלט איז קראַנק, אַן ערלעכן פירער דאַרף די וועלט איצט האָבן, אַ מנהיג־הדור, אַ מענטש, וואָס זעט ווייט... אַ...

סייפינקוס

דערוואַכנדיק, צו זיך

פאַרוואָס נישט... א—י—ך?...

אַלדוויין

די מאַסע, מיין זון, האָט פיל ערלעכע, שטילע און גוטע מענטשן, זיי זענען, ווי איך האָב באַמערקט, שוואַך באַזונדער און וואָלטן

שטאַרק געווען צוזאַמען... דער פירער — אויב אַזעלכער וועט זיך באַווייזן — דאַרף זיי אויפזוכן, צוזאַמענברענגען, אויפקלערן און אויפוועקן די שטאַרקייט, וואָס שלאָפט אין זיי.

ס י י פ י נ ק ו ס

באַגייסטערט

אָט דאָס זאָל זיין מיין שליחות אין לעבן! איך זאָל מיין לעבןווידמען, מיין לעבן אָפּגעבן פאַר די גערעכטע, פאַר די, פון וועלכע איך קום אַרויס, פאַר די גרויסע מאַסן!... איך זאָל זיין זייער פירער!...

אַ ל ד ו ו י י ז

נעמט אים פריינטלעך אַרום

אויף דעם וואָרט, מיין זון, האָב איך שוין לאַנג געוואַרט. קושט אים פאַר פרייד מיין זון, מיין... מיין זון... ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ גליק!... ווישט זיך די אויגן זאָל זיין געבענטשט דער טאָג, אין וועלכן דו ביסט געבוירן, און זאָל דער גאָט פון גערעכטיקייט דיך אימער באַשיצן און דיר לייכטער מאַכן דעם וועג, אויף וועלכן דו לאָזט זיך איצט. באַלד מיין קינד, דער וועג איז שווער און געפערלעך, איז אינגאַנצן באַדעקט מיט הויכע ריזיקע בערגער און טיפע אומענדלעכע טאָלן, אָבער אונטער דיינע פיס וועט זיך אַלץ אויסגלייכן. דיך וועלן באַגעגענען פיל שטערונגען, אָבער דו וועסט זיין, ווי אַ פעלזן־שטיין אין דער מדבר. ווי אַ פעלזן־שטיין, וואָס דער שטאַרקסטער שטורם־ווינט קאָן נישט רירן... מיין קינד, מיין... כככב... כככב...

כאַפּט זיך פאַרן האַלז, ווי עמעצער וואָלט אים שלעפן און וואַרגן, סייפינקוס לויפט צו אים צו און ראַנגלט זיך מיט אַן אומזעבאַרער קראַפט.

ס י י פ י נ ק ו ס

לאָז אָפּ, דו אוממענטשלעך געשטאַלט... שקלאַף פון קאַפּיטאַל! פאַר מיר ביסטו נישט פאַרבאָרגן... לאָז אָפּ... איך זע דיך דורך גאָרנישט... לאָז!...

ראַנגלט זיך. ווערט אָפּגעשטופּט. אַלדווייז פאַלט טויט. די אומזעבאַרע קראַפט רעדט ווי פון זייער ווייט.

אומזעבאַרע קראַפט

די אייגנטימער פונם צווייער שיקן טויט דורך פאַרשידענע וועגן און כּאַרמען, קיינער קאָן זיך נישט שטעלן אין זייער וועג, אויך דו, סייפינקוס, זאָלסט זיך היטן צו קומען צו זיי אין וועג, זייער וועג איז: טויט און פאַרוויסטונג!...

פויזע. סייפינקוס קומט צו זיך, באַטראַכט אַלדוויזן.

סייפינקוס

טויט!... כאַפּט זיך ביים קאָפּ. קורצע פויזע אָ!... מיין טרייער לערער און פריינט!... מיין ליבער חבר, איך וועל שוין מער נישט קאָנען הערן דיינע קלוגע ווערטער... באַלד אָבער דאָס, וואָס דו האָסט מיך געלערנט ביז איצט, וועט זיין מיין פאָן! דיין גערעכטע לערע וועל איך שטענדיק טראָגן מיט זיך, און אָט דאָ, אין מיין האַרץ, וועט צווישן אַנדערע הייליקייטן אויך די הייליקייט ברענען, ווי אַ נר־תּמיד... אָ, מיין לערער, מיין ליבער לערער.

פויזע. ער וואַרפט זיך פון אויפרעגונג. זיין בליק פאַלט אויף דער וואַנט לינקס, עס באַווייזט זיך אַ בעט און מרים שלאָפט דאָרט.

סייפינקוס

שלאָפסט איצט, ריינער מלאך, שלאָף, שלאָף... רו דיך אויס, איידעלע נשמה, וועסט דאַרפן דו און כּוח צו וואַרטן אויף מיר... איך געהער שוין איצט צו אַנדערע! איך געהער שוין איצט צום אַרבעטער־קלאַס!

ער בלייבט פאַרטראַכט קוקן אויפן טויטן. דאָס בילד פון מרימען פאַרשווינדט. קורצע פויזע. סייפינקוס ווערט אויפגערודערט, קרעכצט: „אָ, מיין גאָט!" ווי שלעכט די מענטשן זענען... שטרענגט אָן זיין בליק אויף דער וואַנט רעכטס. עס באַווייזט זיך און ווערט אַנזעעוודיקער דאָס בילד, ווי די שטיצער און פירער פונם צווייער פאַרענדיקן זייער זיצונג און טוען זיך איבער.

סייפינקוס

העי, איר דאָרט! רויבער! וואַרט! פון איצט אָן וועט דאָס

אייך אַזוי גרינג נישט אָנגיין! פירער פון קאַפּיטאַל, אייגנטימער פונם צווייער, איך, דער וואונדער־מענטש, דערקלער אייך קריג!... — — —

בלייבט שטיין מיט א פויסט.

פאָרהאַנג פאַלט שנעל

פערטע סצענע

א ווינקל פון א צימער,ביים אייגנטימער פון צווייער. א סאָפע, וואָס קוקט אויס ווי א גאָלדענער צווייער, אויף וועלכער עס רוט דער אייגנטימער. ער קוקט אריין אין א זשורנאַל און רויכערט א סיגאַר. אַלץ אַרום איז פינסטער. ביסלעכווייז שלאָפט ער איין, דער הינטערגרונט ווערט באַלויכטן און די סצענע: א טאָל, אַרום איז גרויסע בערג. אויף איין באַרג, אין מיטן, שטייט א גאָלדענער צווייער, זעט אויס, ווי אַ געטש מיט הענט און פיס. אַרום אים שטייען די היטער פון צווייער און גיבן אַכטונג. פיל שרעגנעס מענטשן מיט פאַרבונדענע אויגן ציען זיך אַהין פון אַלע זייטן, זינגענדיק: „מיר גייען צום לעבן!" און ווען זיי קומען צו נאָענט, לייגט איינער פון די היטער אויף יעדן ארויף זיין פעסטע האַנט און דריקט אים צו דער ערד און אַ צווייטער היטער באַזוכט אים, נעמט פון אים אַלץ צו. טוט אים אָדער זי אויס נאַקעט און מיט א בריקע מיטן פיס, שטופט ער זיי אַרונטער אין טאָל. אין טאָל שטייען שוין די פון פריער אַראָפּגעפאַלענע און גראָבן פאַר זיך יעדער א קבר. שטעלן זיך דאָרטן יעדע ווייזע אריין צו זען, צי ס'איז שוין טיף גענוג.

אײנער

אָ, ווי זיי האָבן מיך צעבויקערט! איך שטאַרב! יעדער אבר טוט מיר ווי...

אַ צווייטער

און איך, איך לעב נאָך. אָבער אַז אָך און ווי איז צו אזא

לעבן, איך גראָב דאָך שוין מיין אייגן קבר...

אַ דריטער

אונזער לעבן איז שוין פאַרחתמעט.

פערטער

דער פאָדעם איבערגעשוירן.

פינפטער

דאָס פאַפיר איבערגעריסן.

זעקסטער

דער בוים איז שוין אָפּגעזעגט.

זיבעטער

דער שטאַם אויסגעריסן מיטן וואָרצל און אַוועקגעוואָרפן.

אַכטער

טויט.

אַלע

טויט! טויט!

איינער

ווער איז שולדיק?...

צווייטער

ווער איז שולדיק?...

דריטער

ווער טאַקע קער זיין שולדיק?!

אַלע

צווישן

טאַקע, ווער איז שולדיק?

איינער

ווען עמעצער קומט און זאָגט אונז, ווער ס'איז שולדיק...

אַ צווייטער

אַך, ווען עמעצער קומט!

אַ דריטער

לאָמיר האָפן, אַז עמעצער וועט קומען און אונז די אויגן אויפעפינען.

אַ פערטער

מיר וואָלטן אויפזוכן די שולדיקע און זיי אַזוי אַ צעדרייסן.

ווייזט ווי אַזוי.

איינער

איך וואָלט אים איינציקווייז די פינגער אויסגעשרויפט...

אַ צווייטער

און איך וואָלט יעדעס אבר זיינס פאַר זיינע אויגן אָפּגעשניטן
און פאַר הונגעריקע הינט און קעץ געוואָרפן.

אַ דריטער

און איך וואָלט זיינס אַ יונג לעבן פאַר מיינעם אויסגעטוישט.

אַ פערטער

רעכט אַזוי. „אַן אויג — פאַר אַן אויג", ווי עס שטייט אין דער
הייליקער שריפט.

צלמט זיך.

פינפטער

קוקט אויפן פערטן

פע, ס'פּילט זיך... צו אַ אַנדערן עס פילט זיך טויט. קוקט אויפן
געצלמטן. פע... צו אַלע גרייט אייך בעסער די קברים צו, אַז
כאָטש נאָכן טויט זאָלט איר זיך נישט דאַרפן אַרומוואַלגערן, ווי
ביים לעבן...

איינער

טאַקע! טאַקע!

נעמען זיך גראָבן.

אַ פרוי

גראָבט

ביי מיר וועט זיין „צוויי אין איינס" ווייזט אויף איר בויך אַ טויטער ליגט אויך דאָ.

איינער

גראָבט און זינגט

איך גראָב מיין אייגן קבר איצטערט,
ווי מיין זיידע, ווי מיין באָבע!
איך גראָב מיין אייגן קבר איצטערט,
ווי מיין טאַטע, ווי מיין מאַמע!...
ווער איז שולדיק?!

אַלע

ווער איז שולדיק ?!...

איינער

האָב איך מיינע אַלטע יאָרן
אויפגעהאָדעוועט,
זיי זאָלן גראָבן אַ קבר
פאַר מיינע יונגע יאָרן ?...
קוקט בייז צום הימל.
איך וויל וויסן: ווער איז שולדיק ?!

אַלע

ווער איז שולדיק ?!...

אַ צווייטער

איך בין פון חתונה־בעט אַראָפּ,
פאַרנאַרט געוואָרן — אַהער,
און דאָרט — אַ בתולה, מיט פול באַגער,
וואַרט אויף מיר...
ווער איז שולדיק ?!

אַלע

ווער איז שולדיק ?!

אַ דריטער

זיי וועלן מיינען:
איך האָב פאַרגעסן,
אַז ווייב און קינדער
שרייען עסן...
ווער איז שולדיק ?! — — —

אַ פרוי

מענער געהאַט — פיל,
פאַר זיך — נישט איינעם...
איך האָב נישט מורא
צו זאָגן דאָס קיינעם.
אָבער ווער איז שולדיק ?!

אַלע

אָבער, ווער איז שולדיק ?!...

עס הערט זיך אַ טרויעריקע מוזיק, אַלע טאַנצן אין די אָפענע קברים, צווינגענדיק: „ווער איז שולדיק". צווישן די בלינדע, וואָס קומען אַלץ אָן אויפן באַרג, באַווייזט זיך „סייפינקוס", איז זעעוודיק, גייט דורך די וואַך פונם צווייער, שטעלט זיך אויפן באַרג און באַטראַכט די טאַנצנדע. הערט זייערע אויס־ופן: „ווער איז שולדיק". שרייט אויס:

סייפינקוס

ברידער מיינע! מיינע ליבע ברידער! איך ווייס, ווער עס איז שולדיק! בינדט אייך אויף די אויגן, נעמט אייך אָן מיט מוט און איך וועל אייך ווייזן, ווער ס'איז שולדיק!...

עס ווערט אַ גערודער, אַלע שפּרינגען אַרויס פון די קברים, בינדן זיך אויף די אויגן, געשריי, גערודער. סייפינקוס וואַרפט אים אַ וואַנט, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אייגנטימער פון צווייער. אַ גרויס ליכט פאַלט אויפן אייגנטימער פון צווייער, ווען סייפינקוס ווייזט אויף אים אָן מיטן פינגער.

סייפינקוס

אין אייערע צרות, אין אייערע ליידן, אין אייער גיין יונג פון דער וועלט! ער, ער איז שולדיק!... — — —

אַלע גיבן זיך אַ לאָז מיט די גראָב־אייזנס צום אייגנטימער פונם צווייער, ער פאַרשטעלט זיך מיט די הענט. עס ווערט פינסטער אויף דער סצענע. בלויז דאָס פריערדיקע ווינקל, ווי אין אָנהייב פון בילד, איז ליכטיק. דער אייגנטימער פון צווייער וואַרפט זיך פון שלאָף. כאַפּט זיך אויף.

אייגנטימער פ. צ.

אָך, אַ שרעקלעכער חלום... אַ שרעקלעכער, הם... שוידערלעך. *פאַררויכערט זיין סיגאַר* דאָס... דאָס זאָל קיינמאָל נישט געשען! ער זאָל זיי קיינמאָל די אויגן נישט אויפבינדן! ער וועט מוזן שטאַרבן!...

פאָרהאַנג.

פינפטע סצענע

די סצענע שטעלט פאָר מיט זיך פיר פארשידענע בילדער: קעגנאיבער דעם פאָרהאַנג, רעכטס אין דער הויך — איז אַן אייזן־פאַבריק, אונטן — אַ קוילן־גרוב. אויבן לינקס — אַ סוועט־פאַבריק, אונטן — אַ פעלד. ביי יעדער טיר שטייט אַ רי־זיקער צווייער. די אַרבעטער זעען אויס, ווי אַ צוגויפגעגאָסע־נע מאַסע, מען זעט ביי זיי נאָר ארויס די הענט און די גע־בויגענע קעפ. זיי אַרבעטן מעכאַניש ווי מאַשינען, די אַרבעט שלעפט זיך מאָנאָטאָן. פויזע.)

אַ שטימע

הינטער דער סצענע

ווי די הינט... ווי די הינט דערשמעקן זיי מיין אָנקום. אַרבעטן געטריי, און ווען איך ריר זיך נאָר אַרויס פון דער טיר, אַרבעטן זיי ווייטער אָן חשק, קוים וואָס זיי רירן זיך... סייפינ־קוס פירט זיי איבער... מאַכט זיי קאַליע... רעדט זיי אָפּ פון אַרבעטן אַזוי פיל...

צווייטע שטימע

ריכטיק. און איך זאָג — ער וועט זיי נאָך דערפירן צו אַ שטרייק!

ערשטע שטימע

שפייט אויס

כככעק, פּאָ!... דערמאָן נישט אָט דאָס וואָרט מער.

צווייטע שטימע

סייפינקוס איז פאַר זייערע פינסטערע מוחות, ווי אַ ליכטיקער שטראַל.

ערשטע שטימע

אין די רייד

מוזן מיר טאַקע דעם ליכטיקן שטראַל ווי אַמגיכסטן אויסלעשן.

צווייטע שטימע

איך דינ צו אייער באַפעל, אייגנטימער פונם צווייער. בייט עדם

טאָן דערווייל קאָן איך אים נישט דערגרייכן. ער איז ווי אַ העלישער פלאַם, וואָס כאַפּט אַלץ מיט אַ מאָל... ער איז אויך, ווי אַ שטילער קוואַל, וואָס מאַכט זיך אַ וועג דורך די טיפסטע באַהעלטענישן...

ערשטע שטימע

ער וועט אונטערגראָבן אונזער פונדאַמענט, — אויב מיר וועלן נישט פריער אים אונטערגראָבן.

צווייטע שטימע

זוך אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי... בייט די שטימע ווען איך קום — איז ער שוין געוועזן, און ווען איך גיי אַוועק — קומט ער אָן. ווי אַ ווירבל-ווינט איז ער...

ערשטע שטימע

פאַר דער עקזיסטענץ פונם צווייער איז אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי נישט שווער צו געפינען, איז אַ „נישט”, נישט פאַרהאַנען...

צווייטע שטימע

ריכטיק. עס איז אָבער נישט זיין קערפּער — נאָר דער גייסט, וואָס וועקט די אַרבעטער.

קורצע פּויזע.

ערשטע שטימע

זיינע פיס-טריט לאָזן שטאַרקע צייכנס איבער. ווו ער טרעט, וועט קיין גוטס פאַר אונז נישט וואַקסן, מיין באַפעל איז: ברענג אים אום!...

צווייטע שטימע

איך וועל דאָס טון, מיין האַר, אייגנטימער פונם צווייער! אַ גוטן, זאָל זיין געהיט דער צווייער!...

ערשטע שטימע

אַ גוטן. זאָל זיין געהיט דער צווייער!...

פויזע.

אַרבעטער

אין סוועט-פאַבריק

ווי לאַנג איז דער שיעור?... איך ניי... ניי... ניי... אָ, אַז נייען
זאָל מען זיי — תכריכים.

פויזע.

א צווייטער

איך פּרעס, פּרעס, פּרעס, — אַז פּרעסן זאָל שוין זיי — די ערד.

פויזע.

אַרבעטער

אין קוילן־גרוב.

מיר פירן דורך אונזער אָרעם לעבן דורך פינסטערע לעכער,
צו אייביקער רו, דורך פינסטערע לעכער...

אַ צווייטער

מיר האָדעווען זיך מיט קראַנקייטן, מיר האָדעוועז זיך — מתים...
מתים...

קורצע פויזע.

אַרבעטער

שלעפּט דעם אַקער

עס רינט און רינט פון מיר דער שווייס, אַז רינען זאָל פון
זיי!... הויבט אַ פויסט אָ, ווען אַלע געקריוודעטע וואָלטן זיך פאַ־
רייניקט, — איך גיי דער ערשטער ביז בלוט!

אַ צווייטער

קורצע פויזע

איך גיב מיין גאַנץ לעבן אַוועק פאַר זייער עסן און אַליין
עס איך בלויז מיין לעבן... די ווערעם זאָלן זיי עסן!

אַרבעטער

אין אייזן־פאַבריק

געבויג!... מיינע הענט, מיין גאַנצער קערפּער — איז ווי אייזן
שטאַרק. די קראַפט, וואָס דער וואונדער־מענטש גיט אונז, פיל איך
שטאַרק אין זיך! גיט אַ קלאַפּ אין ווארשטאַט ווארום זיך בייגן!?...

אַ צווייטער

ווארום זיך בייגן!?...

איינ יקע

שאַקע, וואָרום זיך בייגן ?... טאַקע ! ?...

אַנדערע

נישט זיך בייגן מער !... נישט זיך בייגן מער...

איינער

קוים באַליידיקט מען אונז — איז שטרייק !

אַלע

אין אייזן־פאַבריק

איז שטרייק ! שטרייק !

איינער

מיר ווילן לעבן !...

אַלע

אין אייזן־פאַבריק

לעבן ווילן מיר...

איינער

מיר ווילן מענטשלעכע באַדינגונגען !

צווייטער

עסן צו דער זעט !

דריטער

אַ קלייד אָנצוטון !

פערטער

אַ מענטשלעכע וווינונג !

איינער

לאָמיר אַלעס פאַרצייכענען אויף פּאַפּיר !

אַ צווייטער

ניין, מיט פייערדיקע בוכשטאַבן אויף אייזן אויסקריצן !

אייגנטימער פונם צווייער קומט אריין, קיינער באמערקט אים נישט.

איינער

אונזער רעכט אויף אייזן אויסקריצן !

א צווייטער

זאָלן זיי וויסן, אַז מיר זענען אויך מענטשן!

אַ דריטער

אַנישט — שטרייק!

אַלע

אין אייזן־פאַבריק

אַנישט שטריי—ייק!

אייגנטימער פ. צווייער

הויבט מיט מאַטערניש אויף דעם גרויסן צווייער, וואָס שטייט לעבן דער טיר, שרייט אויס

שטיל זאָל זיין! אויב, איר שקלאַפן, וואַגט נאָכאַמאָל צו דערמאָנען דאָס לעצטע וואָרט, וועל איך אייך דערמיט דערשלאָגן וועט איהר שטאַרבן אונטער אייער אייגענעם באַשאַף!

אייניקע רוקן זיך דערשראָקן צוריק. סייפינקוס דערשיינט, דריקט פעסט ארונטער דעם צווייער אויפן אייגנטימער.

סייפינקוס

היט זיך, אייגנטימער פונם צווייער, אויך דו קאָנסט צודריקט ווערן אונטער דיין אייגנטום...

אייגנטימער פ. צ.

ווער ביסטו? וואָס פאַראַ שוואַרץ יאָר האָט דיך געבּרענגט?

סייפינקוס

פאַר דיר אַ שוואַרץ, פאַר אונז אַ רויט! מיר ווען דיר ערשט ווייזן! שטרייקן ברידער, מירן שטרייקן!

אַרבעטער פון אייזן־פאַבריק וואַרפן די אַרבעט.

אַלע

הוראַ! שטרייק! עס לעבע אונזער פירער סייפינקוס!... הירא! הוראַ!...

אַלע אָפּ אין גרויס גערודער. אייגנטימער פון צווייער שטייט אַ ווייל צעטומלט, קורצע פויזע

אייגנטימער פ. צ.

מאַכט מיט די הענט, ווי מען קוועטשט עפּעס

איך וועל אייך אַלע דערשטיקן.

פאָרהאַנג פאַלט שנעל.

זעקסטע סצענע

די סצענע, אַ געשעפטס־צימער ביים אייגנטימער פונם צווייער. מעבל: אַ קאַסע, אַ שרייב־טיש, בענק, אַ גרויסער צווייער. אייגנטימער פונם צווייער דרייט זיך צעטראָגן ארום, זעצט זיך און הויבט זיך ווידער אויף. דורכן פענסטער זעען זיך ריזיקע פאַבריק־געביידעס און עס דערטראָגן זיך פון זייער ווייט פיל שטימען. משרתים קומען און גייען.

ערשטער משרת
לויפט אריין

די שטרייקער דערנענטערן זיך! זיי קומען אין גרויסע מאַסן!

צווייטער משרת
לויפט אריין

די שטרייקער קומען! זיי זענען באַוואָפנט מיט העק, אייזנס און ברענענדע העלצער!

ערשטער משרת
אין די רייד

און ווו זיי גייען דורך אַ פאַבריק — צינדן זיי זי אונטער!

צווייטער משרת

זיי זענען ווי אַ ברענענדיקע לאַווע, פאַרניכטן דעם וועג הינטער זיך!...

ביידע

אָ, זאָל זיין געהיט דער צווייער!..

אייגנטימער פ. צ.
גיט בייז אַ קלאַפּ אין טיש

גענוג!...

די צוויי משרתים בייגן איין די קעפּ, שטעלן זיך לעבן פענסטער. אייגנטימער פון צווייער גייט אום צעטראָגן. פויזע.

אַ היטער
מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, לויפט אריין

וואָס זאָל איך טון, מיין האַר! בויגט זיין קאָפּ אייגנטימער פונם צווייער!

אייגנטימער פּ. צ.

שטעלט זיך אָפּ

איך האָב שוין צוויי מאָל געפרעגט, צי איז שוין מיין שליחות אויסגעפירט געוואָרן!

דער היטער

אויסגעפירט... לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ האָב אייך מורא געהאַט אויסצוזאָגן. טרויעריק דאָס האָט נאָך ערגער געמאַכט די סיטואַציע.

אייגנטימער פּ. צ.

וואָס איז געשען?!

דער היטער

איך האָב אויף דיין באַפעל, — גרויסער האַר — דעם וונדער־מענטש געטויט, אָבער...

אייגנטימער פּ. צ.

בייז

נו רעד שוין, שקלאַף!

דער היטער

דערשלאָגן

אים אַליין, זיין קערפּער געטויט, אָבער זיין גייסט — לעבט!... דער גייסט פונם וונדער־מענטש פירט איצט די צעיושעטע מאַסע!

די צוויי משרתים

זיי זענען ווילדער נאָך געוואָרן, דאָס בלוט, אַפּנים, פון זייער פירער... — — —

דער היטער

אין די רייד

פריער איז ער געווען ביי זיי אַ מענטש פון פלייש מיט בלוט, איצט איז ער אַ גאָט, צו וועלכן מען דינט און פאַר וועלכן מען איז זיך מוסר־נפש.

אַ משרת

איז טאַקע שלעכט!...

צווייטער משרת

איז טאַקע ביטער!...

ביידע

צוזאמען

אָ, זאָל זיין געהיט —

אייגנטימער פ. צ.

ווארפט אויף די משרתים א בייזן בליק. צום היטער

איז בלויז דער גייסט פונם וווּנדער־מענטש זייער פירער, אָדער האָבן זיי שוין בייע?...

דער היטער

פיל פירער האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן. טראָגן אין זיך — שרייען זיי — דעם גייסט פונם וווּנדער־מענטש... הם... זייערע שטימען קלינגען אָפּ, ווי אַ געשריי אין דער שטילקייט, און זייערע ווערטער שפּרינגען אום — ווי פונקען אין אַ העלישן פייער...

איין משרת

זיי הייסן די פאַבריקן צעשטערן, דעם צווייער — אומברענגען.

צווייטער משרת

זיי שרייען, אַז דאָס איז זייערס, זייער חוב און אַז דער גייסט פונם וווּנדער־מענטש הייסט זיי דאָס איינמאָנען.

אייגנטימער פ. צ.

זענען זיי פיל די שטרייקער?

דער היטער

זייער פיל. ביז נעכטן האָבן בלויז געשטרייקט די אייזן־אַרבעטער און די קוילן־גרעבער, די פירער האָבן היינט אויך אויפגעקלערט די אַרבעטער פון די סוועט־פאַבריקן און די ערד־אַרבעטער...

איין משרת

אַ ריזיקע מאַסע.

צווייטער משרת

ווי דאָס זאַמד ביים ים.

ערשטער משרת

ווי די שטערן אין הימל...

אייגנטימער פונם צווייער קוקט בייז אויף די משרתים.

דער היטער

זיי זענען נישט איבערצוציילן,

דער אייגנטימער פונם צווייער דרייט זיך אויף און אָפּ נערוועז. עמעצער וואַרפט אַריין אַ שטיין דורכן אָפענעם פענסטער, טרעפט דעם צווייער און עס קלינגט שטאַרק אָפּ. אַלע בלייבן שטיין צעטומלט. דער היטער, מיטן רעוואָלווער אין האַנט, לויפט שנעל אַרויס. אייגנ־טימער פונם צווייער באַטאַפּט דעם צווייער, באַטראַכט אים פון אַלע זייטן, הויבט אויף דעם שטיין.

אייגנטימער פ. צ.

צו זיך

הייסט עס, זיי מיינען דאָס ערנסט... און זייער ערשטער שטיין האָט געטראָפן אין סאַמע האַרץ פונם צווייער...

לייגט אַוועק דעם שטיין אויפן טיש. רויכערט נערוועז.

איין משרת

צום צווייטן

אַ שטאַרקער קלאַפּ געווען.

צווייטער משרת

שטילער

אַ קנייטש געמאַכט!...

ערשטער משרת

אָוואַ, דער צווייער וואַקלט זיך אַזש...

דער היטער, מיטן רעוואָלווער אין האַנט, קומט פאַרסאָפּעט.

דער היטער

קיינעם נישט געזען אַנטלויפן. אַלע לעבער דורכגעגנישטערט, קיינעם נישט געפונען. ווען איך וואָלט זיין אַ גלויביקער, וואָלט איך אַוודאי געגלויבט, אז דאָס האָט געטון נישט קיין אַנדערער, ווי דער גייסט פונם וווּנדער־מענטש...

אייגנטימער פונם צווייער שטעלט זיך פלוצלינג אויף.

אייגנטימער פ. צ.

אַז קריג איז קריג! נעמט פון ערגעץ אַרויס אַ פּאַנצער, באַפּעלט פאַר־פּאַנצערט דעם צווייער!...

דאָס ווערט גלייך געטון. עס קומט אַ פּאַרסאָפּעטער צו לויפן אַ משרת.

משרת

אָ, גרויסער האַר! אַ שרעקלעך אומגליק האָט פּאַסירט! דיין איינציקע טאָכטער, דערוויסנדיק זיך, אַז מען האָט דעם ווונדער-מענטש געטויט, האָט זי געמאַכט אַ סוף צו איר לעבן!

אַלע

אַך!

אייגנטימער פון צווייער דריגעט אויף, קורצע פויזע. בייז.

אייגנטימער פ. צ.

שטיל זאָל איצט זיין! אַוועק איצט מיט אייערע סענטימענטאַל-קייטן, דער צווייער איז אין געפאַר!... קורצע פויזע. כאַפּט זיך יאָ! אויב קריג — איז קריג! צו די משרתים לויפט שנעל און רופט צונויף אַלע אונזעריקע! משרתים אָפּ. צום היטער און דו שטיי און היט דעם צווייער!

היטער נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער, שטעלט זיך היטן דעם צווייער.

אייגנטימער פון צווייער

אויב קריג — איז קריג!

אָפּ אין צווייטן צימער.

פאָרהאַנג פאַלט שנעל.

זיבעטע סצענע

די סצענע, די זעלבע ווי אין לעצטן בילד. ס'איז נאַכט. דער אייגנטימער פונם צווייער שפּאַצירט צעטראָגן איבערן צימער. דער היטער, מיטן רעוואָלווער אין האַנט, היט דעם צווייער. פון דער גאַס דערטראָגט זיך אַ גערודער, וואָס קומט אַלץ נענטער. פון צייט צו צייט פלאַמט אויף אַ פייער ערגעץ ווייט. און ביי יעדן אויפפלאַם, גיט דער אייגנטימער פ. צ. אַ דריגע.

אייגנטימער פ. צ.

וואָס איילן זיי זיך נישט צו, די אייזלען. די צייט איז אַזוי קורץ יעדע רגע איז טייער.

פאַררויכערט. איז צעטראָגן. די משרתים קומען אָן.

בײדע

זײ קומען שוין.

אײגנטימער פּ. צ.

וואָס האָט דאָס אַזוי געדויערט?

אײן משרת

די אַרבעטער זענען אין אַלע גאַסן פול, מיר האָבן געמוזט גײן אונטן ארומערט.

צווייטער משרת

זײ גײען, ווי אויף אַ חתונה, מיט געזאַנג און געררודער...

ערשטער משרת

אַן ענגשאַפט!...

צווייטער משרת

אַ שפּילקע נישטאָ וווּ צו וואַרפן!

ערשטער משרת

ס'זעט אויס, ווי דער פאַרשאָלטענער גײסט פונם וווּנדער־מענטש האָט די גאַנצע וועלט אַרבעטער פון די פאַבריקן אַרויסגענומען און זײ אין די גאַסן צעשפּרייט.

אײגנטימער פּ. צ.

צו זיך

אַך, ווען קומען זײ שוין?

די טיר מאַכט זיך אויף און עס קומען אַרײַן פאַרשידענע מענטשן, אַלע רײַך אָנגעטון, צווישן זײ אַ גײסטלעכער און אַ ריכטער.

אַרײַנקומענדע

גוט נאַכט! גוט נאַכט! זאָל זײַן געהיט דער צווייער!

אײגנטימער פּ. צ.

גוט נאַכט. זאָל זײַן געהיט דער צווייער! באַלד חברים, וואַרפט אַלע אַרונטער פון זיך די פאַלשע קליידער און מאַסקעס, מאַכט דאָס גיך. לאָמיר אַלע זײַן אין אונזער ריכטיק געשטאַלט, מיר דאַרפן עפּעס וויכטיקס פאַרהאַנדלען.

אַלע וואַרפן פון זיך אַרונטער די פאַלשע מאַסקעס און קליידער און

בלייבן אין זייער ריכטיק געשטאַלט. די גרופּע, אַן אויסגעטופּטע, שטעלט מיט זיך פאַר מאָדנע פּאַרזענעכשן: ווילדע חיות און ווערעם. יעדער טראָגט אויפן אָרט פון האַרץ אַ צווייער. אַלע זעצן זיך אויס.

דער קאָפּ

אין נאָמען פון אונזער הייליקסטער זאַך, דעם צווייער, עפן איך די פאַרזאַמלונג. דאָס ערשטע וואָרט האָט אונזער קעניג, אונזער פירער דער אייגנטימער פונם צווייער.

מען אַפּלאָדירט. מען הירזשעט

אייגנטימער פּ. צ.

זאָל זיין רויק, איצט איז נישט די צייט אַרויסצווייזן אייער ערן-געפיל צו מיר. באַלד איר ווייסט אַלע, אַז אונזער טראָן שאָקלט זיך, דער צווייער איז אין געפאַר... מיר האָבן אונטער-געצונדן דעם שפּאָן און זיך דערביי די פינגער צוגעברענט... דער גייסט פונם ווונדער-מענטש האָט די קריג אָנגעהויבן. ווייזט דעם שטיין און געטראָפן האָט ער אין סאַמע האַרץ פון צווייער. קורצע פּויזע מיר האָבן אימער געהאַט אַ הויכע וואַנט, וואָס האָט אונז גע-האָלפן צו פאַרשטעלן פאַר די מאַסן די אומרעכט, וואָס מיר זענען קענען זיי באַגאַנגען, און ער, דער ווונדער-מענטש, האָט די וואַנט אומגעוואָרפן און אויף אונז אָנגעוויזן!... קורצע פּויזע די מאַסע דערנענטערט זיך צו אונז, דער צווייער איז אין געפאַר!... וואָס האָט איר צו זאָגן?!

זעצט זיך.

דער קאָפּ

אום צו שפּאָרן צייט, וועל איך נישט אויסרופן די קאָלעגן פון די נאַציאָנאַלע און אונטערנאַציאָנאַלע בענק, זיי דעקן אַלע אויס-געאַבן אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד. הירזשעריי זייט רויק! ביטע רויק!... באַלד דאָס וואָרט האָט אונזער ווערטער העלפער, קאָלעגע מוח, דער אייגנטימער פון דער פּרעסע.

קאָלעגע מוח

אַ געל באַשעפעניש

ווערטע חברים! איך האָב אייך נישט פיל צו זאָגן, איך קאָן אייך נאָר פאַרזיכערן, אַז איצט, אין אונזער קאַמף, וועל איך

אַרבעטן נאָך שטאַרקער... איך וועל זיי פאַרבלענדן זייערע אויגן מיט פאַלשע באַריכטן, וועל זיי פירן אין פאַלשע וועגן און וועל זיי פאַרפירן אין אָפּגרונט!

הירזשעריי. מוח זעצט זיך.

דער קאָפּ

דויק! רויק!... דער פאָרשטייער פון דער קירכע, פאָטער רענגיל.

פאָטער רענגיל

קוקט אויס ווי אַן אָנגעגעסן חזיר

די פראָסטע מאַסע, כע, כע, גלויבט אין מיר מיט לייב און לעבן... כע, כע... מיין הייליקער כאַלאַט, מיין הייבן די הענט און קאָפּ צום הימל פאַרדעקט זיי די אויגן, ציט אַרויס פון זיי זייערע אינערלעכסטע סודות, און אַנטפּלעקט זיי פאַר מיר... איך פאַרטונקל זייערע מוחות, גיב זיי עצות און זיי פאָלגן... כי, איך וועל ווייטער פאַרטונקלען זייערע מוחות.

זעצט זיך. דאָס געזויש אין דרויסן הערט זיך אַלץ נעענטער. פלאַמען באַלייכטן אַלע מאָל די גאַס.

אייגנטימער פּ. צ.

מאַכט אַ צייכן, אַלע ווערן שטיל. רעדט

אונטערשטיצער פונם צווייער, איך דערלויב נישט קיין ווייטערדיקע רעדעס. דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט וויסן, ווייס איך, ס'איז גוט, אַז איידער מען גייט אַריבער אַ טיפן טייך, מען זאָל אַ פּרווו טון, צי די בריק האַלט זיך פעסט... מיר אַלע מוזן און וועלן פאַרטיידיקן אונזער טראָן.

אַ היטער, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, לויפט אַריין.

דער היטער

פאַרמאַכט די פאַרזאַמלונג און ס'וואָלט גלייכער געווען, ווען איר אַלע צעגייט זיך. אָדער, אַמווייניקסטנס, זיך אָנטון, אַרויפציען אויף זיך צוריק די מאַסקעס. די פאַרדאַרבער פונם צווייער דער־בענטערן זיך מיט מוראדיקער שנעלקייט. אָ, זאָל זיין געהיט דער צווייער!...

עס ווערט אַ גערודער. מען טוט זיך איבער, אין געאײַלעניש פאַרבייטן זיך טייל מיט זייער אָנטועכץ. דאָס געזויש קומט זייער נאָענט. אייגנ־

טימער פון צווייער שטעלט זיך אויף דער פלאַטפאָרם, ווו דער צווייטער שטייט, און צוזאַמען מיטן ערשטן היטער גיט ער א דריי אַ ראָד און אַלע דריי פארשווינדן. אַלע, צוריק איבערגעטוענע, זעצן זיך אויס, און דער גייסטלעכער האַלט מכלומרשט אַ דרשה. די טיר מאַכט זיך אויף מיט רעש און עס דערשיינען עטלעכע אָנפירער און פיל שטרייקער. צעשפרייטן זיך באַלד איבעראַל. זענען באַלאָדן, טייל האַלטן ברענענדע שטורקאַצן.

פּאָטער רענגיל

...ווויל איז דעם מענטש, וואָס גייט נישט אין די עצות פון רשעים... און ווו עס זיצן אפשפעטערס, דאָרט זיצט ער נישט..

מאַכט זיך, ווי ער וואָלט זיי מכלומרשט איצט דערזען און ווייזט זיי אָן זיך אַוועקצוזעצן, רעדט ווייטער

און אין וועג פון רשעים גייט ער נישט... צו די אַריינגעקומענע זעצט אייך אויס און הערט גאָטס וואָרט!...

אַ פירער

מיר האָבן נישט קיין צייט, פאָטער, זיך איצט צוצוהערן צו דרשות. מיר זוכן איצט דעם צווייער אומצוברענגען; מיר ווילן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אומברענגען די גאַנצע קליקע, די פירער, די אייגנטימער און די אונטערשטופער!...

אַן אַרבעטער

מיר ווילן עסן צו דער זעט!...

אַ צווייטער

מיר ווילן האָבן אַ מענטשלעכע וווינונג!

אַ דריטער

אַ קלייד אָנצוטון!...

אַ פערטער

צייט אויף צו לעבן!...

אַ פינפטער

ל—ע—ב—ן!...

אַלע

לעבן! לעבן! לעבן! יעדער פון גאָטס באַשעפעניש ווייל און איז באַרעכטיקט צו לעבן, מיר ווילן אויך לעבן!...

פּאָטער רענגיל

מאַכט אַ פרומע מינע

זייט רויק, קינדער... זייט רויק... איר קענט אַלע דעם פּאָטער רענגיל, וועלכער רעדט אין נאָמען פון גאָט... וועלכער גייט בלויז אין גאָטס שליחות... עס איז אַ גרויסע זינד צו גיין אַנטקעגן גאָט... מסתמא וויל גאָט אַזוי... וואָרן ווען גאָט וואָלט געוואָלט אייער לעבן מאַכן בעסער, וואָלט ער עס אייך געמאַכט... און אַז עס איז אַזוי, איז דאָס גאָטס ווילן!... און גאָט זאָגט: „ווידערשפּעניקט מיר נישט!...” וואָס דאָס הייסט: אַז מען ווידערשפּעניקט יאָ, שמייסט מען אויבן מיט אייזערנע ריטער!... מען הענגט אויף די צינגער... מען טונקט אין זודיקע סמאָלע...

אייניקע לאָזן אַרונטער די קעפּ. אַ שטאַרקער ווינט רייסט זיך אַריין דורכן פענסטער און רייסט פונם גייסטלעכן אַרונטער דעם הוט און מאַסקע.

אַלע

א—א—אַ—א!...

פּאָטער רענגיל

אַך!...

כאַפּט אויף זיך צוריק אַרויף די מאַסקע, וויל אַנטלויפן.

אייניקע

כאַפּן אים

אַרונטער מיט דער מאַסקע!...

אַנדערע

כאַ, כאַ, דער פאָרשטייער פון דער קירכע!..

אַנדערע

אַן אָנגעפרעסן חזיר גאָר!... ער טראָגט דעם צווייער אויפן האַרץ!...

אייניקע

ער טראָגט דעם צווייער!... זייערער אַ העלפער!... זעט, אין וועמען מיר האָבן געגלויבט!...

איינער

שרייט אויס

ברודער, נעמט אים צום שאַנד־קלאָץ!...

אייניקע

צום שאַנד־קלאָץ! צום שאַנד־קלאָץ! נעמט דאָס אָנגעפּרעסטנע חזיר. נעמט אים! פון אונזער בלוט איז ער פעט געוואָרן!...
צום שאַנד־קלאָץ!...

אַנפירער

וואָרטס, ברידער!

קאָן נישט איינשטילן דאָס געריודער. אייניקע שלעפּן דעם גײַסטלעכן ביז צו דער טיר. אַנפירער שרייט העכער

ברידער! שטיל! ברידער! זייט שטיל! חברים! חברים!...

אייניקע

רויק! רויק! זאָל זיין שטיל! שטיל!... שאַט, אונזער אַ פירער האָט עפּעס צו זאָגן!

דער פירער

ברידער! חברים! איילט אייך נישט! דאָרט, ווו אַ חזיר איז דאָ, איז אַ בלאָטע!...

געלעכטער

אייניקע

אַ בלאָטע!... אַ חזיר!... כאַ, כאַ!... כי!

דער פירער

שרייט

אונטערזוכט די איבעריקע! אונטערזוכט זייערע חברים!... כאַפּט אָן איינעם אַרונטער מיט דער מאַסקע!

מוח

דרך־ארץ, דו! דו פאַלשער פירער! דו ווייסט, ווער איך בין?!...
מען שטעלט זיך ארום איך בין מוח!... דער אייגנטימער פון דער פּרעסע!

אַלע

האַ!...

מוח

שטעלט זיך שטייף

זי וואַגט ער?! איך בין דער יעניקער, וואָס גיב פאַר אייך אַרויס צייטונגען! איך בין דער יעניקער, וועלכער קלערט אייך אויף! וועלכער פירט אייער לעבן — צום —

דער פירער גיט פון אים אַ ריס אַרונטער די מאַסקע.

דער פירער

צום אָפּגרונט! נו, ברידער, זעט!...

אַלע

א—א—א!...

דער פירער

אַ מיאוס פּאַרזעניש ביסטו, אַ שטיק ווילד פלייש אויף אונזער-רוקן!... צו אַלעמען אָט אָ דער, ברידער, איז געווען אונזער פירער אין אונזער אָרעם לעבן און האָט אונז פאַרפירט!... רייסט פון אים אַרונטער דעם כאַלאַט נאַט אייך, זעט, אַנשטאָט אַ האַרץ — הענגט ביי אים אַ צווייער!...

גערודער, אייניקע ווילן זיך אַרויסכאַפּן, דער פירער רעדט ווייטער.

דער פירער

חברים! האַלט זיי דאָרט! לאָזט זיי נישט אַרויס! דאָס זענען שונאים פונם פּראָלעטאַריאַט! רייסט פון זיי אַרונטער די מאַסקעס!...

דאָס ווערט געטון מיט גרויס גערודער און געלעכטער.

פון עולם

אַ בויך!...

אַ קאַסע!...

אַ קאָפּ!...

ווילדע חיות!...

ווערעם!...

גרויס גערודער און געלעכטער.

איינער

שטעלט זיך אויפן טיש

ברידער! ברידער אַרבעטער! אַלע קוקן זיך אום, ער רעדט אין נאָמען פון גייסט פון אונזער פירער, דער גייסט פונם ווונדער-מענטש, וועלכער באַווייזט זיך צו אונז אין יעדער נויט, וועלכער קומט צו אונז, ווי אַ ווינט און בלאָזט פאַר אונז אויף די פייערן, רייסט פאַר אונז אַרונטער די מאַסקעס פון אונזערע שונאים!... אינם נאָמען פונם גייסט, פונם ווונדער-מענטש, לאָמיר אַלע אויסשרייען הויך: עס לעבט דער גייסט פונם ווונדער-מענטש!...

אַלע

עס לעבט דער גייסט פונם וווּנדער-מענטש!... הוראַ! הוראַ! הוראַ!

דער פירער

גייט צו צום טיר

חברים! שרייט העכער חברים!... אַלע קוקן זיך אום חברים, די נאַכט שטייט נישט!... דאָס פייער ברענט!... דער ווינט בלאָזט אין אונזער זייט!... לאָמיר גיין צום זיג!...

איינינקע

צום זיג!

אַלע

צום זיג! צום זיג!

איינער

שרייט אויס

און וואָס וועט מען טון מיט די לצים?...

דער פירער

צום שאַנד-קלאָץ פירט זיי.

פירער אָפּ. מען פירט אַרויס די מיט די אַרונטערגעריסענע מאַסקעס. געפּילדער. מען וויצלט זיך. געלעכטער.

דער אויפן טיש

שטעלט זיך אין אַ פּאָזע

דרך-ארץ דו!... דו פאַלשער פירער!... ווייסט ווער איך בין?... איך בין מייכעלע!...

איינער פון עולם

אין זעלבן טאָן

אַ כאָלערע אים אין בייכעלע!...

געלעכטער. צוויי געפינען, ביים אַרויסגיין, דאָס היטל פונם גייסטלעכן, איינער כאַפּט, טוט דאָס אָן, מאַכט אַ פרומע מינע.

דער מיטן היטל

...ווייל אין דעם מענטש, וואָס גייט נישט אין די עצות פון רשעים... און ווו עס זיצן אָפּשפּעטערס, דאָרט זיצט ער נישט...

געלעכטער, איינער רוקט זיך צו, רייסט פון אים אַרונטער דאָס היטל און וואַרפט דאָס אַוועק.

איינער

פע, ס'איז לייזיק!...

געלעכטער. געדרודער. אַלע אָפּ. דאָס געדרודער ווערט אַלץ הייכער און שטילער. פּויזע. עס מאַכט זיך צוריק אויף די וואַנט און דער אייגנטימער פונם צווייער, דער צווייער און דער היטער דערשיינען.

אייגנטימער פ. צ.

טוט זיך אָן, קוקט דורכן פענסטער אויפן פייער און רעדט.

דאָס פייער צעשפרייט זיך, ווי געטראָגן פון אַ בייזן ווינט... פון אַ שרעקלעכן שטורם־ווינט... מאַכט אַרויס אַ פויסט די קריג.
איז צו ענדע — די קריג הויבט זיך ערשט אָן!

ער גייט צו און פרוווט, צי דער פאַנצער אויפן צווייער איז פעסט אַרויפגעזעצט. פאַרטראַכט זיך אַ ווייַלע און גייט ראַש אָפּ. פּויזע. דער היטער ציט זיך פויל.

דער היטער

פלעג אימער רוען און שלאָפן אַזוי געשמאַק... הם... האאאאאאא!
געגעצט אַן אָנשיקעניש... נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער און לייגט אים לעבן זיך נע, כ'בין אַזוי שלעפעריק און מוז זיצן און היטן... עט...
קוקט זיך אַרום זענען זיי דען נישט געדעכט?... קורצע פּויזע און איך, גלאָמב, וועמענס רייכקייט היט איך, מיינס?... אַ שאָס הערט זיך פון דרויסן. היטער לויפט צו צום פענסטער קוקט אַרויס איינער פון אונזערע איז ווידער געפאַלן...

די פייערן פלאַמען אויף. דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

ענדע